STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03126

KINDER FUN SHAP

Mosheh Lentshits

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



FROM THE LIBRARY OF
ABRAHAM Ide Goldberg

משה לעווטשיץ

קינדער פון שאַפּ

בילדער און דערציילונגען פון אַרבעטער לעבן.

אַרויסגעגעבן פון
פאַרלאַג „רויטע פּעדים“.

פאָרוואָרט

אַרבעטנדיג שוין אריבער 32 יאָר אין די שניידער שעפּער פון ניו-יאָרק, און נעמענדיג אן אקטיוון אנטייל אין אַלע סטרייקס און קאמפן וועלכע די אמאלגאמייטעד און פריער די יונייטעד גארמענט וואָרקערס האָט דורכ-געפירט; אויך דינענדיג אלס פינאַנץ סעקרעטאר פון דער אמאלגאמייטעד לאָקאַל 10 אריבער דריי יאָר, האָב איך געהאט די געלעגנהייט אינטימער זיך צו באקענען מיט דעם לעבן און ליידן פון די שניידער. דאָס האָט מיך אינספּירירט אָנצושרייבן די דאָזיגע דערציילונגען און בילדער פון וועלכע די מערסטע זיינען געווען געדרוקט אין דער ארבעטער פּרעסע.

דורכמאכענדיג אליין דעם שניידערשן לעבן, זיינע עקאָנאָמישע גייסטיגע ליידן און פריידן, ווידמע איך דאָס ביכל די שניידער ארבעטער פון אמעריקע. מיט דער האָפ-נונג אז ליינענדיג די אינוויינינגסטע בלעטלעך וועט זיי אָנרעגן כסדר צו קעמפן פאר א בעסערן און שענערן לעבן אויף דער וועלט.

משה לענטשיץ

אינהאלט

	זייט
קינדער פון ארבעטער קלאַס	1
בערעלע הויקער	18
סעמקע	25
סאָפיע קומט צו זיך	29
וואָס תּייטש ניט קריגן קיין אַרבעט	32
קאַריערימטן	35
האָט זיך נאָך ניט געפונען	37
דעם פרילינג פון מיין לעבן אַוועקגעגעבן	39
אַ מיאוסער נפש	43
אַרבעטער היימען	46
צעבראָכן די פידל	49
פאָטער און קינד	52
מאָרים	56
זיך געפונען	59
דורכגעפאַלן	62
מאַקס דער בלייכער	67
צעשטערטע חלומות	69
אַן אידעאַלע באַשעפטיגונג	73
שלמה	75
צוויי אַרטיסטן	81
מיין שכן אין שאַפ	83
ענטוישט	85
אַ גוטע יוניאָן ?	89
קינדער פון שאַפ	93

קינדער פון אַרבעטער־קלאַס

הערי איז געשטאַנען א מידער אינמיטן צימער, וואס ער האָט ערשט געדונגען. ער האָט באטראכט דאָס ריינע ציכטיגע בעט, לעבן אָפענעם פענסטער און צופרידן געשמייכלט:

„פיל שענער ווי איך האָב זיך פאָרגעשטעלט“...

לאנגזאם האָט ער זיך אראָפגעלאָזט אויפן בעט, אונטערגעלייגט די הענט אונטער׳ן קאָפּ און געבליבן ליגן אן אויסגעשעפּטער.

דורכ׳ן פענצטער האָט זיך געזען די גאנצע לענג פון גאס. פוןביידע זייטן האָבן זיך געצויגן שורות בוימער, — אויסגעשטעלט אין גלייכע רייען, אקוראט ווי מארשירנדיגע סאָלדאטן. העט וויט האָט זיך געזען דאָס פּארקל, דורך וועלכן ער איז אָנגעקומען אהער. אין דער טונקלקייט פון צווישן טאָג און נאכט האָט עס אויסגעזען ווי א מיסטיש וועלדל. הערי האָט דאָס אלץ באטראכט מיט האלב־מידע אויגן. ער האָט באַאבאכט דאָס לאנגזאמע פארשווינדן פונם טאָג, דאס אָנקומען פון דער נאכט און א דרימל האָט פארצויגן זיינע אויגן. אין מוח אבער איז ער געווען וואך און דורכגעלעבט אלץ, ביז ער איז צו אָט דעם צימער געקומען.

... לאנג איז ער נאָך געשטאַנען אויף דער סטאנציע, נאָכדעם ווי די באַן איז שוין געווען פארשוואונדן, און נישט געוואוסט אין וועלכער ריכטונג זיך צו ווענדן. אין די אויערן האָט נאָך אלץ געקלונגען דעם קאָנדוקטאָרס קול, אויסרופנדיג די סטאַנציע: — ריטשמאָנד, ווירדזשיניא“! ... ענדלעך האָט ער פאַמעלעך גענומען שפרייזן מיט אומזיכערע טריט איבער די גאסן פון דער אומבאַקאנטער שטאָט. ער שטעלט אָפּ א פארבייגייער און פרובירט אים דערקלערן: — איך בין דאָ א פרעמדער. וואו קען איך דאָ דינגען א צימער?

— פון וואנען קומט איר? — האָט דער פארבייגייער העפלעך געפרעגט.

— פון ניו-יאָרק, — האָט ער אומשולדיג געענטפערט.

די אויגן ביים יונגענמאַן האָבן זיך פּלוצלונג אָנגעצונדן ווי ביי א גזלן. ער האָט העריןן אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס מיט א מין עקל און פון צווישן די ציינער מיט רציחה ארויסגעזייעט:

— אַ נאַרטענער? הע?

און איז שנעל פון אים אנטלאָפן.

איבעראשט האָט הערי אים נאָכגעקוקט און נישט געקאָנט באַגרייפן פאַרוואס אַזויפיל האס און עקל צו אים? מיטאמאָל האָט ער הינטער זיך דערהערט א קייכעדיג געלעכטער. ער האָט זיך אומגעדרייט און דערזען פאַר זיך אַן אָפּגעריסענעם נעגער. ער קלאַפּט זיך מיט זיינע הענט אין די קני און קייכט פון גע-לעכטער:

— איך האָב אַלץ געהערט וואס צווישן אייך איז פאָרגע-קומען, — האָט ער לאַכנדיג געפּלאַפּלט, — ברודער, אויב דו ווילסט זיין אין דער סאַוט, מוזטו זיך היטן און נישט דערציילן, אז דו קומסט פון ניו יארק. זאג בעסער, אז דו קומסט פון וואשינגטאָן. פאַרשטייסט? ... ווייל דאָ האַסט מען נאַרטענער. אבער איך, ווען איך האָב נאָר פאַר א בילעט, וואָלט איך געפלויגן קיין ניו-יאָרק. מיט די דלאָניעס פון זיינע הענט האָט ער געווישט די טרערן פון זיינע אויגן, וואס איז געקומען פונ׳ם הארציגן לאַכן. זייענדיג שוין באַרואיגט, פרעגט ער אים:

— וואו ווילסטו גיין ברודער?

— איך מוז דינגען א צימער. ווייסטו אפשר וואו איך קען עס קריגן?

דער שוואַרצער האָט א דריי געטאָן דעם קאַשקעט פון זיין ברודיגן היטל און זיך פאַרקלערט א ווײַלע:

— יעס, איך האָב עס. — האָט ער א קלאַפּ טוענדיג איין האנט אין דער אַנדערער אויסגערופן. — אין גרעים סטריט וויים איך א הויז, דאָרטן וואוינען נאָך אידן. קום מיט מיר, וועסטו דאָרט קריגן א צימער.

דער נעגער איז געגאַנגען פאַראויס און הערי איז אים נאָכ-לעסיג נאָכגעגאַנגען. אָפּגייענדיג א פּאָר גאַסן, זיינען זיי אריינ-

געקומען אין דעם זעלביגן פּארקל, וועלכער זעט זיך איצט טאַקע דורך זיין פענצטער. ארויסקומענדיג פון דעם קליינעם פּארקל זיי-נען זיי גלייך אריין אין גרעים סטריט. אַ ציכטיגע שמאָלע גאַס, מיט אוניפאָרם קליינע ווייסע הייזער. דער נעגער האָט אים צוגע-פירט צו דעם הויז וואו ער געפינט זיך איצט, אַ נידריגע פעטע פרוי מיט צעשויבערטע רויטע האָר האָט זיך גלייך באוויזן. זי האָט אים אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס און מיט אַ שמייכל גע-פרעגט וואס ער פארלאנגט.

— אַ פוירנישט רום. — האָט ער פארשעמט געענטפערט.

די פרוי האָט אים גוט באטראכט, און אַ זאָג געטאָן:

— יעס, איך האב גראד אַ ליידיגן צימער. איר קענט עס זען. דאָ וואוינען נאָך אידן. — האָט זי שטיל שמייכלענדיג באמערקט, אקוראט ווי זי וואלט אים געוואָלט טרייסטן מיט דעם.

ער האָט איילנדיג ארויסגענומען אַ פּאָר מטבעות פון קעשענע און דערלאנגט דעם נעגער. דער שווארצער האָט עס זשעדנע אַ כאַפּ געטאָן און דאנקענדיג אוועקגעגאנגען.

אַ שטילער קלאַפּ אין טיר האָט איבערגעריסן הערים געדאנ-קען. ער האָט מיט געוואָלט אויפגעריסן זיינע אויגן, האסטיג זיך אויפגעזעצט און מיט אַ קלאַפּנדיג הארץ אויסגערופן: — ווער איז דאָרט?

די טיר האָט זיך פּאַמעלעך געעפנט. אויף דער שוועל האָט זיך באוויזן אַ יונג שיין מיידל, אָנגעטאָן אין אַ קורץ דורכזיכטיג זיידן קלייד, טיף דעקאָלטי, אויף די אקסלען האָט געהאנגען אַ ברייטע שפּאנישע זיידענע שאַל. דאָס פּנים איז געווען שיין און געשמאַק אָנגעפּודערט. צווישן די לאכנדיגע ליפּן האָבן זיך געזען צוויי שורעס גלייכע ווייסע ציינער. אויגן גרויסע, בלויע. די האָר קורץ געשוירענע, — בלאָנדע. זי איז דרייסט צוגעגאנגען צו אים, און אין אַ געבראָכענעם אידיש זיך פאָרגעשטעלט:

— מיין נאָמען איז בעלאַ. איך וואוין אין צווייטן צימער פון דיינעם. אונזער לענדלאַרדי האָט מיר געלאָזט וויסן, אז אַ אידישער יונגערמאן האָט זיך אהער ארייַנגעצויגן, בין איך געוואָרן אזוי ניי-

נעריג, אז איך האָב זיך נישט געקענט קאָנטראָלירן, און געמוזט דיר אָנקלאַפּן אין טיר, וועסטו מיר אנטשולדיגן ?

איר אנגענעם זים קול האָט אָנגעפילט דעם צימער. די פּרי-ערדיגע אומעטקייט איז ווי פארשוואונדן, — דורכן פענצטער ארויסגעפלויגן.

דער אומדערפּאַרענער צוואנציג יעריגער הערי האָט זיך אויפ-געשטעלט, לאַנג באטראכט בעלאַ׳ן און מיט אן אומעטיגן שמייכל זיך פאָרגעשטעלט :

— מיין נאָמען איז הערי.

זי איז צוגעגאנגען זייער נאָענט צו אים און אומעטיג, ווי א צעפּיעשטשעטע קינד, גערעדט ווי צו זיך :

— איך בין א אידיש קינד, און אזוי לאַנג שוין קיין אידיש וואָרט נישט געהערט...

א קאַלט ווינטל האָט א בלאָז געטאָן דורכ׳ן אָפענעם פענצטער. הערי האָט א ציטער געטאָן, זיך אויפגעשטעלט דעם קאָלנער פון דעם געלן סאָלדאַטן-העמד, אריינגערוקט ביידע הענט אין די הויזן-קעשענעס און נערוועז געשפּאנט הין און צוריק, זיין שווארצער גע-קרויזטער קאָפּ האָר איז געווען צעשויבערט און ווי דערגרייכט דעם סופיט. יעדער טראָט זיינער האָט געמאכט ציטערן דאָס מעבל פון שטוב.

בעלא האָט אים נאָכגעפאָלגט מיט צעשראָקענע אויגן. פּלוצים האָט זי אים אָפּגעשטעלט און דערשראָקן געפרעגט :

— וואָס האָט פּאסירט, הערי ? פארוואָס אזוי פארצווייפלט ? זוכט דיך אפשר די פּאָליציי ? האָסטו באגאנגען עפּעס א פאַר-ברעכן ? ווי גרוים איז דער פארברעכן ? דערציייל דאָס אַלץ מיר, פּליעז. — איך וועל דיר העלפן, ווייל איך בין אויך א אידיש קינד.

די לעצטע ווערטער האָט זי ארויסגעזאָגט שטיל, צעצויגן און די אויגן ביי איר זיינען געווען פול מיט טרערן.

הערי האָט זיך הויך צעלאכט, זי אָנגענומען פעסט פאר די אקסלען און אריינקוקנדיג איר גלייך אין די אויגן, האָט ער כמעט אויסגעשריען :

— גאָרנישט ניט האָט פּאסירט מיט מיר, בעלא. קיין שום פארברעכן האָב איך קיינמאָל נישט באגאנגען. דעם גאנצן טאָג

היינט לעב איך דורך נאָר איבעראַשונגען. איך וואונדער זיך בלויז צי בין איך וואך, צי זע איך דאָס אַלץ אין חלום. בעלאַ, קום, זעץ זיך. דערציייל מיר וואו בין איך אין דער וועלט און פאַרוואָס ביזטו אַזוי אינטים מיט מיר, אַקוראַט ווי דו וואָלסט מיך אייביג געקענט.

דאָס זאָגנדיג האָט ער זי אוועקגעזעצט לעבן זיך אויף דעם ראַנד פונם בעט.

בעלאַ האָט אים צערטלעך אַ גלעט געטאָן די האָר און מיט אַ שמייכל אָנגעהויבן:

— איך זע איצט, אַז דו ביזט אַן אומדערפאַרן אינגל. אָבער איך וועל דיר בלויז דעם אמת דערציילן. מיין פאָטער איז געווען אַן אייזן-אַרבעטער און ער האָט זייער שווער געאַרבעט, כדי צו מאַכן פאַר זיין פאַמיליע אַ לעבן. מיינע עלטערע צוויי ברידער און שוועסטער זיינען געצוואונגען געווען צו גיין זוכן אַרבעט ווען זיי זיינען נאָך קיין פּופּצן יאָר ניט אַלט געווען. נאָר מיך האָט מיין פאָטער שטאַרק ליב געהאַט און ער האָט באַשלאָסן, אַז איך מוז אויסשטודירן אויף אַ סטענאָגראַפיסטקע, בין איך געוואָרן אַ סטענאָגראַפיסטקע. איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן ווי גליקלעך מיין פאָטער איז געווען דעם טאָג פון מיין גראַדואירן. ער האָט זיך יום-טוב׳דיג אויסגעפּוצט, זיינע צעהאַקטע פאַרזשאַווערטע הענט האָט ער לאַנג געוואַשן, ביז זיי האָבן באַקומען אַ מענטשלעכן אויסזען און מיט שטאָלץ זיך פאַרגעשטעלט מיט מיר פאַר אַ יעדן באַקאַנטן אין גאַס.

נאָר ווען איך האָב אָנגעהויבן זוכן אַ דזשאַב, האָב איך שנעל אויסגעפונען, אַז עס איז גרויסע צרות. נאָכדעם ווי איך האָב אַרומגעזוכט אַ דזשאַב אַריבער אַ יאָר, האָב איך זיך דערוואוסט דעם סוד ווי אַזוי עס איז יע מעגלעך צו קריגן אַ פּאָזיציע. דאָס האָט מיר אַ דערפאַרענע סטענעגראַפיסטקע אַריינגערוימט דעם סוד: „אויב דו ווילסט אַרבעטן, „דאַרלינג״, מוזטו זיין גוט צו דיין באָס, ווייל היינטיגע באָסעס פאַרלאַנגען סטענאָגראַפיסטקעס מיט „פּלעזשור״...

און גלייך אויף מאָרגן האָב איך באַקומען אַ שטעלע ביי אַ גרויסן פאַבריקאַנט. געהאַט האָט ער צוויי זין אין געשעפט,

און אלע דריי האבן פון מיר פארלאנגט ארבעט מיט „פלעזשור“, און איך האב זיי געגעבן. אזוי האָב איך דאָרט אָפּגעארבעט פינף יאָר. מיינע עלטערן זיינען געווען אזוי שטאָלץ מיט מיר: — מיין טאָכטער איז א סטענאָגראפיסטקע, און פארדינט פינף-און-דרייסיג דאָלער א וואָך, — פלעגט מיין פאָטער פאר זיינע באקאנטע זיך בארימען. — נאָך די פינף יאָר האָבן די צוויי זין חתונה געהאט. דער אלטער האָט געקראָגן א „סטראָוק“, איז פאראליזירט געוואָרן, און איך האב פארלוירן די שטעלע, ווייל איך האָב שוין קיין „פּלע-זשור“ נישט געהאט ווען צו געבן... דערפאר געפין איך זיך אין גרעים סטריט, וואס איז באוואוסט צו אלעמען אלס דער „רעד-לייט דיסטריקט“. דאָ האלטן זיך אויף עלנטע, געפאלענע גאסן-פרויען. און איך, איך בין אויך איינע פון זיי...

העריס פנים האָט זיך גענומען בלייכן. זיינע קויל שווארצע אויגן האָבן דערשטוינט געקוקט אויף איר, פארלאָרנקייט און שרעק האָבן זיך אין זיינע אויגן געזען. זי האָט מיטביידע הענט אָנגע-נומען זיין פנים און צערטלעך עס געגלעט:

— שרעק זיך נישט, טייערער, — האָט זי שמייכלענדיג גע-רעדט צו אים ווי צו א קינד, — נו, איצט דערצייל מיר וואס האָט דיך אהער געבראכט? דערצייל מיר דעם אמת, אקוראט ווי איך האָב דיר דערציילט.

הערנדיג אזוינע רייד, האָט הערי דערפילט געטרייסט און בא-רואיגט. ער האָט א וויש געטאָן דעם שוויים פון שטערן און פארשעמט געשמייכלט.

— בעלא, האָסט מיך דערשראָקן צום טויט, איך האָב קיינ-מאָל נישט גע׳חלומ׳ט ארייננצופאלן אין אזא געגנט. אָבער איצט בין איך גראד צופרידן. עס ווערט אינטערעסאנט.

— ווי אזוי איך האָב אהער פארבלאָנדזשעט, פרעגסטו?

ער איז אנטשוויגן געוואָרן און זיך איינגעגעסן מיט זיינע אויגן אין איר פנים, אקוראט ווי ער וואָלט גערן ארייננקוקן אין איר האַרץ, אויסצוגעפינען, צי זיצט דאָרט א חבר צי א שונא... נאָך א ווייל שווייגן האָט ער אָנגעהויבן שטיל דערציילן.

— עס איז געווען א שיינער פרי-מאָרגן, די זון האָט געשאָטן

ליבטינקייט, די שטראָמען מענטשן, וואס האבן געאיילט צו דער אַרבעט, זיינען געווען איינגעטונקען אין זון-שטראַלן. דאָס האָט מיך געמאכט פילן אזוי יום-טוב׳דיג. עס האָט מיר געדאכט, אז די אַלע, וואס איילן זיך אזוי — זיינען גליקלעך. איך האב אויך גע-איילט צו דער אַרבעט. יעדער אבר האָט געטאַנצט אין מיר פאר פרייד. מיין געמיט איז געווען אזוי באַרואיגט, אקוראַט ווי איך וואָלט מיין לעבנס-ציל דערגרייכט. וואס איז דאָס גליק מיט מיר? נאָכדעם ווי איך האָב ווי דו ארומגעבראַדזשעט איבער גאסן אַרי-בער א יאָר זוכנדיג א „דזשאב״, האָב איך איינמאָל, שטייענדיג לעבן בילדינג פון מיין יוניאָן, צופעליג געקראָגן א שטעלע. שוין די דריטע וואָך ווי איך אַרבעט. עס ווייזט אוים, אז מען איז צו-פרידן פון מיין אַרבעט. דער שאפ איז ריין און לופטיג. מיין מאַשין איז לעבן פענצטער און איך זיץ אַלע פרימאָרגנס איינגעהילט אין די שטראַלן פון דער זון. דאָס איז דאָך אזא זעלטנקייט אין די שניידער-שעפער . . .

איך אַרבעט מיט חשק. פלינק מאַך איך אַריין קעשענעס אין די רעק. בשעת מעשה רעכן איך כסדר אוים, וואָס איך וועל טאָן מיט די פאַרדינסטן פון היינטיגער וואָך, פון די נעקסטע פאָר וואָכן, פון די נעקסטע מאָנאטן . . . עס שטעלט זיך מיר גאָר נישט פאָר, אז איך קען קראַנק ווערן, אָדער גאָר פאַרלירן דעם דזשאב . . . ניין! עס טאָר נישט פאַסירן, ווייל מיין פּלאַן איז אַן אויסגע-רעכנטער. איך מוז אָפּשפּאָרן גענוג געלט אַריינצוגיין אין קופּער יוניאָן, — אויפצונעמען מיין קורס. אין די אויערן קלינגען כסדר די ווערטער, וואָס מיין לערער האָט געראָטן: — „אינזשעניר מע-כאניק פאר דיר.״ דער לערער פאַרשווינדט פון מיינע געדאַנקען און מיין אַלטינקע מאַמעלע מיט איר צערונצלטן פאַרמעט-פּנים דערשיינט. איך הער אירע בעטנדיגע ווערטער, וועלכע זי רעדט צו מיר אַלע פרימאָרגן: — „הערי׳לע, שאָנעווע זיך. ווער שוין א מענטש, האָסט איצט א דזשאב, — היט אים ווי דיינע אויגן אין קאָפּ״ . . .

זיץ איך ביי דער מאַשין און עס קומען און גייען פאַרשידענע געדאַנקען אין מיין מוח. די פינגער מיינע טוען זיך זייער אַרבעט

אזוי פלינק, אקוראט ווי זיי וואָלטן זיך גאָר נישט אָנגעקערט מיט מיר. שנעל מאכן זיי אריין די קעשענעס. זיי ליגן אָן גאנצע בערגלעך לעבן בענקל, וואו איך זיץ. א רגע שפּעטער ווערט דאָס בערגל אוועקגעכאפּט פון א צווייטן ארבעטער, מיט אזא אימפּעט, אקוראט ווי עס וואָלט געברענט אונטער אים... און ווידער מוז איך זיך אָנשטרענגען מיט אלע כוחות צו מאכען אויף דאָס ניי א בערגעלע מיט קעשענעס אויף אוועקצוכאפּן... אזוי — א גאנצן טאָג, אָן אָפּהאלט, ביז די צייט פון אהיים גיין קומט...

מיטאמאָל, זיצנדיג אזוי פארקלערט אין דער ארבעט, דערפיל איך פּלוצים ווי אייזערנע צוואנגען וואָלטן מיין האנט אריינגע־כאפּט. איך הויב אויף דעם קאָפּ און איך דערזע פאר זיך מיין פאָרמאן מיט א ווילדן אויסדרוק אויף זיין פּנים. זיין אונטערשטע ליפּ ציטערט פון אויפרעגונג. ער שפּרייט אוים לעבן מיין מאשין צוויי פראָנט־טיילן פון א ראָק, מיט צוויי אריינגעמאכטע קעשע־נעס. ער ווייזט מיר דעם געוואלדיגן טעות, וואָס איך האָב גע־מאכט: איין קעשענע איז אביסל איבערגערוקט פון דער צוויי־טער, — איז א גרוים אומגליק געשען. שטייט ער, דער פאָרמאן, מיט פארציימעטע ציינער און פרעגט: — וואָס האָסטו געטאָן? ער פארמעסט זיך מיט ביידע הענט אקעגן מיר, און ריטשעט מיט אלע כוחו.ת, ווי א פארווירטער: — וואָס האָסטו געטאָן? איך קוק אים גלייך אין די אויגן און איך דערזע פאר זיך א גזלן.. עס ווערט מיר ענג אין האלז... עס פעלט מיר אוים לופט... איך שטעל זיך פּלוצים האסטיג אויף און פארפאָר אים מיט אלע כוחות אין פּנים אריין. עס ווערט א טומל, מען לאָזט זיך אויף מיר פון אלע זייטן. איך גיב א כאפּ מיין הוט מיט'ן ראָק און לויף ווי א ווילדער פון שאפּ...

אין גאָס נעם איך זיך איילן, אקוראט ווי אימיצער וואָלט מיך נאָכגעיאָגט. איך אייל, נישט ווייסנדיג וואוהין. עס קאָכן אין מיר די בלוטן. אין די שלייפן האקט און אין מוח פליען געדאנקען־ברעקלעך. זיי דרייען זיך מיט אימפעט ווי אין א קאראהאָד... ביסלעכווייז ווער איך בארואיגט. איך נעם קלערן לאנגזאמער. עס פאלט מיר איין פּלוצים א געדאנק צו פארלאָזן די שטאָט. דער

גערדאנק באהערשט מיך. איך דערפיל א געוואלדיגן לוסט צו וואַנ־דערן, ווייט, ווייט אין דער וועלט אריין. דער שיינער זומער־טאָג און די ווארימע זון גיט נאָך צו מער חשק צו וואנדערן...

מיט אָט די געדאנקען בין איך צוגעקומען צו גרענד צענטראל סטאַנציע. ביים בילעטן־פענצטערל ציט זיך א ריי מענטשן. איך שטעל זיך אויך אין דער ריי. איך דערנענטער זיך צום פענצטערל. מיין קאָפּ ארבעט שנעל. איך ווייס אפילו נישט וואו איך וויל פאָרן. אין דעם מאָמענט קען איך אפילו נישט ארויסרופן א נאָמען פון א שטאָט, אזוי ווי אויף צולהכעית. איך הער ווי דער מאן, וועלכער שטייט פאר מיר, פארלאנגט א בילעט קיין ריטשמאָנד, ווירדזשיניא. עס ווערט מיר לייכטער, אקוראט ווי א שווערע משא וואָלט אראָפּ־גענומען געוואָרן פון מיר. עס קומט מיין נעקסט. דער בילעטן־פארקויפער פרעגט מיך: — וואוהין? ריטשמאנד, ווירדזשיניא, — ענטפער איך גאָרנישט געטראכט.

הערי האָט אויפגעהויבן זיין קאָפּ, א בליק געגעבן צו בעלא׳ן מיט א טרויעריג שמייכל אויף זיינע ליפּן. זי איז געזעסן, געבליקט אויף אים מיט ליבשאפט און מיט האלב־פארמאכטע אויגן. זי האָט פאמעלעך אויסגעשטרעקט אירע הענט און ארום הערי׳ס האלז פארפלאָכטן...

* * *

דער הימל איז געווען א לויטערער. דורך די געדיכטע באַ־וואקסענע צווייגן פון די בוימער, האבן די שטראלן פון דער זון שפּאלטן געבויערט. א ווארעם ווינטעלע האָט געבלאָזן און פאַ־מעלעך געוויגט די בלעטער אויף די בוימער... די שטראלן פון דער זון האבן דערוויל געשטיפּט מיט הערי׳ן. מיט יעדן באוועג פון די צווייגן האבן די שטראלן אויף אנאנדער פלאץ אים גע־ווארעמט. אָט אויף זיין קערפּער, אָט אין זיינע אויגן. ער איז געלעגן אין בעט און געקלערט וועגן בעלא׳ן. א בענקשאפט האָט אים ארומגענומען, ער האָט געפילט ווי זי פעסט צודריקן צום הארצן, אפשר וואָלט זיין בענקשאפט זיך געשטילט... ער האָט זיך ראפּטאָם אויפגעזעצט, ארומגעקוקט דעם צימער און אין דער

לײדיגקײט געפרעגט אַזױ צערטלעך און ציטערדיג: — װאָו ביזטו, בעלאַ? ...

גרעים סטריט איז געװעזן שײן אױפגעראַמט דעם פרימאָרגן. די לופט איז געװעזן הײס, שטיקנד, נאָר די געדיכטע בױמער האָבן אַרױסגעגעבן פון זיך אַ געשמאַקן דופט און אָנגעפילט מיט זיס-קײט די געגנט.

שטיל און פאַמעלעך האָבן זיך די מענטשן געשאַרט. הערי האָט באַטראַכט יעדע זאַך און זיך גע׳חידוש׳ט. אױף די טראָ-טואַרן, לעבן יעדן אַרײנגאַנג פון אַ הױז, איז געװעזן װי פאַרזײט מיט קאָנפעטי. זײ האָבן װי עדות געזאָגט פון אַ פרײלעכע נאַכט.

די טיר פון דעם אַרױסגאַנג האָט זיך אָן עפן געטאָן און בעלאַ איז אַרױסגעקומען: — גוט-מאָרגן, הערי! — האָט זי זיס-שמײכ-לענדיג אַ זאָג געגעבן.

— האַלאָ, בעלאַ! װאָו ביזטו ערגעץ פאַרפאַלן געװאָרן? — ער האָט גליקלעך געלאַכט און געקוקט מיט ליבשאַפט אין אירע אױגן. זי איז געװעזן רײצנד, אָנגעטון אין אַ קורץ זײדן-געפּאַסט קלײד, מיליטערישן עפעקט, מיט מעשענע קלײנע קנעפּלעך פון פאָרענט ביז אַרױף צום שטײענדן קאָלנער. זײדענע אַש-קאָלירטע זאָקן — אָנגעצױגן אױף אירע געטאָקטע פיס. איר שײנער רונדער פּנים, מיט די גרױסע לאַכנדיגע אױגן און די װײסע צײן, האָבן איר געמאַכט אױסקוקן יונג און רײצנד, און פאַר׳כישוף׳ט דעם צװאַנציג יאָריגן יונג, װעלכער איז געשטאַנען לעבן איר. און זי גע-נעסן מיט זײנע שװאַרצע גרױסע אױגן. ער האָט געפילט װי איר אָננעמען בײם אָרעם, אָבער ער האָט נישט געװאַגט, נאָר געפרעגט:

— מוזט זײן הונגעריג, בעלאַ? !... קום, װעלן מיר גײן עסן!

— האָסט געטראָפן, הערי, קום! — האָט זי אַ פרײלעכע אים געענטפערט.

אַרױסקומענדיג פון רעסטאָראַן, האָבן זײ אין דערבײיאיגן פּאַרק אַרײנגעשפּאַצירט. אין פּאַרק איז כמעט קײנער נישט געװען. די בױמער זײנען געשטאַנען און געדרימלט. קײן בלעטל האָט זיך אַפילו נישט אַ ריר געטאָן.

זײ האָבן זיך אַװעקגעזעצט אױף אַ באַנק לעבן אַ געדיכטן בױם. די פײגעלעך האָבן שטיל געפּיסטשעט. אַלץ אַרום איז געװען אום-

באוועגלעך. אקעגנאיבער זיינען געשטאנען אין דרייען געבויגן דריי יונגע חברה און געשפילט אין ביינדלעך.

זיינען זיי געזעסן שטיל און ווי געווארט, אז איינער פון זיי זאל אנהויבן ריידן. בעלא האט איבערגעריסן די שטילקייט: — וואס דענקסטו צו טאן דא, הערי? — האט זי א פאראינטערעסירטע א פרעג געטאן.

הערי׳ס בליקן זיינען יענעם מאמענט געווען פארטיפט אויף דעם קליינעם פאונטן פון מיטן פארק, פון וועלכן עס האט אלע מינוט מיט וואסער ארויפגעשאסן און איבערגעשראקן די פייגעלעך, וועלכע זיינען געשטאנען פארטיפט אין זיך אויף דעם ראנד. הערנדיג איר פראגע, האט ער זיך ווי פון שלאף אויפגעכאפט און שמייכלענדיג געענטפערט: — איך דענק דא צו זוכן א „דזשאב“.

א יונגערמאן איז פלוצים אויסגעוואקסן לעבן זיי. אונטער דעם ארעם האט ער געהאלטן א פאק צירקולארן און איינעם זיי דערלאנגט. צוויי גרויסע ווערטער אויף דעם צירקולאר, האט זיי גלייך פאראינטערעסירט — „געגן מלחמה און פאשיזם!“ — הערי האט הויך גענומען לייענען פון דעם צירקולאר — „פאשיזם האט הינטער זיך קיינע פרינציפן, עס איז בלויז א מיטל פון דער צעפאלנדיגער, פארפוילטער קאפיטאליסטישער סיסטעם ניט צו דערלאזן דעם ארבעטער-קלאס איבערצונעמען די מאכט.“

מיטאמאל האט זיך דערהערט א געשריי פון אקעגנאיבער. די דריי חברה-לייט, וואס האבן געשפילט אין ביינדלעך, זיינען באפאלן דעם יונגענמאן מיט די צירקולארן און אים געשלאגן פון אלע זייטן: — „קיל דאט רעד“! — האט איינער, א הייזעריגער, נישט אויפגעהערט צו שרייען.

הערי׳ן האט געגעבן א שווינדל אין מוח, פאר די אויגן האט א שוועב געטאן דער פארמאן מיט זיינע גזלנ׳ישע אויגן. האט ער זיך האסטיג א כאפ אויף געגעבן פון דער באנק, צוגעפאלן צו די דריי לאבוזעס און ווי א ווייכער זיי אפגעריסן פון דעם יונגענמאן מיט די צירקולארן. בעלא איז אויך צוגעקומען און גענומען שרייען און באליידיגן די חברה. זיי האבן פאמעלעך אפגעצויגן און פארשוואונדן פון פארק.

דער יונגערמאַן האָט זיך געווישט דאָס בלוט פון דער נאָז און פון די וואונדן אויף זיין פּנים, אבער דעם פּאַק צירקולאַרן האָט ער פעסט געהאַלטן צוגעדריקט אונטער׳ן אָרעם... הערי און בעלאַ זיינען שוין מיטגעגאַנגען מיט אים און ער האָט זיי דערוויייל דער־קלערט די אַלע איבלען, וואָס עס עקזיסטירן איצט אין לאַנד; פאַר־וואָס מיליאָנען מענטשן קענען קיין באַשעפטיגונג נישט קריגן און מוזן הונגערן. ער האָט זיי אויך גאַנץ קלאָר דערקלערט, ווער עס איז דער אמת׳ער שולדיגער אין די אַלע צרות און זיי אָנגעצייגט דעם אויסוועג...

הערי און בעלאַ זיינען מיטגעגאַנגען און זיך איינגעהערט אין די נייע ווערטער, וועלכע האָבן אויפגעלויכטן אין זייער מוח און זיי פאַרענטפערט אזוי פיל פאַרפלאָנטערטע פראַגעס, וועלכע האָבן אַ סך יאָרן געדריקט אויף זייער מאַרך...

* * *

שפּעט אין דער נאַכט, ווען דער שלאָף מאַכט מיד אַ יעדן אויף זיין געלעגער, ווייט אין די טאַבאַק-פעלדער, אין אַ הילצערן הייזל, ביי אַ נאַפט-לעמפּל, זיצט פאַרזאַמעלט אַ גרופּע ווייסע און שוואַר־צע אַרבעטער און זאָרגן פאַר זייער קלאַס, פאַר דעם אַרבעטער־קלאַס.

עס שטעלט זיך אויף הערי און באַריכטעט וועגן דעם פאַרבי־סענעם סטרייק, וואָס די שניידער-יוניאָן פירט אָן אין נאָרפאָלק; ווי אזוי די יוניאָן איז געצווינגען צוצעטיילן די פּיקעט-ליניע אין צוויייען. איינע פון ווייסע אַרבעטער און די צווייטע פון שוואַרצע אַרבעטער. צוליב די העצעס וואָס ווערן אָנגעפירט פון די אַגענטן פון די באַלעבאַטים. ער באַריכטעט אויך די שוועריקייטן וואָס די יוניאָן האָט אויסצושטיין; ווי אזוי מען אַנטזאָגט זיך צו פאַר־דינגען אַ זאַל, כדי די אַרבעטער זאָלן זיך ניט קענען פאַרזאַמלען, ווי אזוי די יוניאָן שטעלט אויף טענטס, כדי זי זאָל קענען באַריכטן צו די סטרייקער דעם טאָג-טעגלעכן קאַמף, וואָס ווערט אָנגעפירט אַקעגן די באַלעבאַטים.

אָט ביי דער קליינער גרופּע ווערט באַשלאָסן זיך אַריינצו־וואַרפן אין קאַמף און העלפן דער יוניאָן געווינען דעם סטרייק. עס

ווערט באשלאָסן צו פארשפרייטן א צירקולאר צווישן די סטריי-קער, זיי אריינגעבן מער מוט, זיך ניט אונטערצוגעבן, ביז אלע פאָדערונגען פון דער יוניאָן וועלן פון די באלעבאטים נאָכגעגעבן ווערן.

זיצט בעלא ביים טייפרייטער און אירע פינגער צערטלען די שליסלען פון מאשין. הערי דיקטירט איר דעם צירקולאר און זי קלאפט אוים מיט פרייד די הייסע ווערטער אויף דעם ווייסן פאפיר.

אינדרויסן נעמט ביסלעכווייז טאָגן. אבער די צווייטע יונגע אר-בעטער-קינדער זיינען נאָך פארטיפט אין זייער ארבעט, וועלכע האָט זיי געגעבן א ציל אין לעבן...

בערעלע הויקער

(אַ פראַגמענט)

אַ קליין אידעלע איז בערעלע הויקער, מיט אַן אויסגעדאַרט פּנימ׳ל, ווי ביי אַ צען-יעריג קינד. די אויגן זיינען אָבער ביי אים ביטרע, אומרואיגע. אויף דער שמאָלער פּלייצע ליגט ביי אים, ווי אַ שווערער שטיין, דער הויקער. ווען ער זיצט ביי דער אַרבעט, זעט ער אויס, ווי ער וואָלט פון אונטער אַ באַרג אַרויסגעקוקט . . .

אַ סך יאָרן האָט בערעלע געאַרבעט ביי מיסטער האַנדעל אין שניידער-שאַפּ. דער באַלעבאָס האָט אים גראַד זייער ליב געהאַט, ווייל בערעלע איז געווען מער קאַליקע, ווי די איבעריגע אַרבעטער אין שאַפּ און דערפאַר — מער אָפּהענגיג פון אים, זיין שפּייזער . . .

כמעט אַלע פון שאַפּ האָבן געהאַט עפּעס אַ מום. אפילו מיסטער האַנדעל אַליין איז אויך געווען בלינד אויף אַן אויג. — צוליב דעם, פלעגט מען דערציילן, האָט ער נאָר געזוכט קאַליקעס פאַר זיינע אַרבעטער. פיל פון די קאַליקעס פלעגן אים זייער דאַנקבאַר זיין דערפאַר. געדענקט האָבן זיי, אַז ער האָט מיטגעפיל פאַר די קריפּלס, ווייל ער איז אויך אַ בלינדער אויף אַן אויג . . .

מיסטער האַנדעל אַליין פלעגט אָבער צעשטערן זייער גלויבן אין זיין גוטהאַרציקייט. גאַנץ אָפנהאַרציג פלעגט ער זיי דערציילן אין זיין האַלב-דייטשער שפּראַך, אַז די אורזאַך פאַרוואָס ער נעמט נאָר קאַליקעס אין זיין שאַפּ, איז אַ צווייאיגע: ערשטנס, זיינען זיי מערסטנס גוטע באַלמעלאָכעס און צווייטנס, זיינען זיי מער אָפּהענגיג פון דער שטעלע, ווי געזונטע מענטשן . . .

— איך ליב מענטשן, וואָס זיינען אָפּהענגיג. פאַרשטייסט? — מיט אַזעלכע ווערטער פלעגט ער זיך אָפט באַנוצן, ווען ער איז געווען אין אַ בייזער און אויפגערעגטער שטימונג . . .

האָבנדיג געגנוג געלט אָפּגעשפּאָרט פון די אָפּהענגיגע אַרבע-

טער, האָט מיסטער האנדעל באשלאָסן איבערצוגעבן דעם שניידער-שאַפּ צו איינעם פון זיינע קאליקעס אלס קאָנטראקטאָר. אליין האָט ער באשלאָסן צו ווידמענען זיך דעם „קאטינג-דעפּארטמענט“, וואו די קליידער ווערן געשניטן.

ווענעמען אבער גיט מען איבער דעם שאַפּ? — באהערשט פון דעם געדאנק, איז ער ארומגעגאנגען א פארקלערטער הין און צוריק איבער דעם שאַפּ. ער האָט באטראכט יעדן ארבעטער, וואָס צאַפּלט זיך אונטער זיין בליק... געוואויגן יעדנס מעלות און חסרונות. ענדלעך האָט זיך זיין בליק אָפּגעשטעלט אויף בערעלע הויקער. נאָך א לאנגן ישוב הדעת האָט ער פעסט באשלאָסן, אז בערל זאָל זיין דער קאָנטראקטאָר פון זיין שאַפּ...

אין א קורצער צייט נאָכדעם, ווי בערעלע האָט איבערגענומען דעם שאַפּ, האָט זיך קיין איין קאליקע אין שאַפּ מער ניט געפונען. כאָטש ער איז געווען מער קאליקע, ווי זיין פריערדיגער באלעבאָס, האָט ער אבער קאליקעס נישט געקענט אָנקוקן:

— „ס׳איז גענוג, אז איך בין א קאליקע און מיך אליין קען איך נאָר זען אין שפּיגל“... — פלעגט ער זיך ווייצלען, ווען מענטשן פלעגן אים פרעגן וועגן דער ענדערונג.

דער שאַפּ האָט געקראָגן גאָר אן אנדער פּנים. אויף די פּלע-צער פון די קאליקעס זיינען איצט געזעסן יונגע געזונטע מענטשן און די ארבעט איז ווי געפלויגן אונטער דעם ניגון פון יוגנט...

בערעלע האָט זיך דערנאָך „ארויפגעארבעט“ און גענומען א „לאָפט“ אויף בראָדוויי... צוליב דעם פלעגט ער שטענדיג ארום-גיין א פארקלערטער און נאָר געטראכט און געטראכט. די קליינע ביטרע אויגעלעך זיינען פאר׳חלומ׳ט און קוקן ווי אין אן אנדער וועלט אריין:

„איין קליינקייט, — אויף בראָדוויי, א „לאָפט“!... ער, בע-רעלע הויקער, גייט דאָס איינפירן אזא מאָדערנעם שאַפּ, מיט „עלעקטרי“-מאשינעס און מיט אלע קליפערלעך“...

טראכטנדיג וועגן דעם, פילט ער, אז ער איז נישט ער, נאָר אן אנדערער... ווי קומט עס טאקע צו בערעלע הויקער א שאַפּ אויף בראָדוויי?

אין זיין מח ארבעט שוין בערעלע אוים א גענויעם פּלאַן וועגן דעם, ווי דעם „לאַפּט״ איינצואָרדענען:

...אויבען־אָן, ביי די פענסטער, וועלן לויפן צען מאַשינעס; אינמיטן שאַפּ וועט שטיין זיין טיש, אַזוי, אַז ער זאָל אַלעמען קענען זען... דער בושלער, די פּרעסער און פינישער, וועלן שטיין צו דער „בעק״. ביי דער טיר וועט ער לאָזן מאַכן א היל־צערן ווענטל, כדי די ארבעטער פון שאַפּ זאָלן נישט זען ווער עס קומט בעטן באַשעפטיגונג... חוץ דעם וועט ער אַליין שטענדיג ריידן דייטש, ווי א רייכער יהודי...

דערווייל איז נאָך אבער דער שאַפּ אין ווילעט סטריט. איינג, פינסטער און שמוציג. דער אַלט־מאָדישער, אָפענער קוילן־אויוון, וואו עס וואַרעמען זיך די פּרעס־אייזנס, פאַרנעמט א האַלבע וואַנט. די גליענדיגע קוילן ברענען דאָס פּנים און די פּלייצעס אָן אויפ־הער... הערינגס און לעבערלעך בראָטן זיך צווישן די קוילן און דער טשאַד מיטן רויך פילן אָן דעם גאַנצן שאַפּ... ווי דורך א נעבל, זען זיך די ארבעטער, וואָס דרייען מיט אימפּעט די מאַ־שינען...

אַלע זיינען בלאַס, אויסגעצערט. אפילו בעסי, בערעלע׳ס איינ־ציגע טאָכטער, וואָס זיצט אין א ווינקל פון שאַפּ ביי איר דעסק און פאַרשרייבט די צאָל ארבעט, וואָס ווערט געמאַכט — איז אויך בלאַס און אָפּגעצערט. נאָר אירע אויגן זיינען אַזוי סודות׳דיג און עפּעס לאַשטשענדיגעס איז באַהאַלטן אין זיי...

אין אָט דעם חושך, צווישן די אויסגעמאַטערטע מענטשן, זיצט שלמה ווי א פאַרבלאָנדזשעטער... דאָס פּנים זיינס — גאָר פריש און רויט. די אויגן דרייסט און ניכטער. זינט שלמה איז אָנגעקומען אהער ארבעטן, גראָבן זיך בעסי׳ס פאַר׳חלומ׳טע אויגן אין זיין ברייטער פּלייצע בסדר. דאָס פּנים אירס רויטלט זיך אַלע ווייל און דאָס האַרץ קלאַפּט אַזוי האַסטיג... א ציענדיגע בענק־שאַפט צעגיסט זיך איבער איר קערפּער... שלמה ווייסט אבער פון גאָרנישט. א פאַרטיפטער זיצט ער און ארבעט מיט אימפּעט. פון צייט צו צייט גיט ער אַזאַ דונער ארויס מיט זיין באַסאָווער שטים: „וואַכט אויף איר ארבעטער מאַסן״, אַז אַלע אין שאַפּ דער־

שרעקן זיך. זיי קומען צו זיך. ס'דערזען זיך שמייכלען אויף די ליפּן. אַלע גיבן דעמאָלסט אַ בליק אויף אים מיט ליבע און באַוואונדערונג...

דער באָס גיט זיך אַ לאָז צו אים מיט רציחה, נאָר ווען ער שטייט שוין גאַנץ נאָענט לעבן שלמה'ן, דערפילט ער פּלוצים קליין, ווי אַ פליג... אָנשטאָט זיך בייזערן נעמט ער שלמה'ן אַרום מיט זיין קורץ, דאַר הענטל, און זאָגט אַזוי ליבלעך:

— שלמה, אין אַמעריקע זינגט מען נישט ביי דער אַרבעט. פאַרשטייסט?...

שלמה באַטראַכט אים פון קאָפּ ביז די פּיס מיט זיינע קלאָרע, דרייסטע אויגן. איידער ער באַוויזט עפּעס צו ענטפערן, פאַרשווינדט דער באָס... דער באָס בלייבט שטיין ביים טיש, ווי אַ פאַרשולדיקט אינגל. ער איז אַזוי קאַמיש, אַז ווען פייגע די באָטאָן-נייערין גיט צופעליג אַ קוק אויף אים, מוז זי זיך הילכיג צעלאַכן...

איר לאַכן איז ווי אויל אויף פייער. פאַר איר האָט בערעלע נישט מורא. ער גייט צו איר צו מיט אַ ווילדער רציחה, עס דאַכט זיך, אַז ער וועט זי פּשוט ממית'ן. ער גיט אָבער אַ קוויטש אַרויס פון זיך, אָנצייגנדיג אויף דער טיר:

— אַרויס פון מיין שאָפּ!

די מיידל בלייבט זיצן בלייך ווי דער טויט. די פינגער ציטערן איר. פון די אויגן גיסן זיך טרערן און די ליפּן מורמלען:

— איך וועל נישט גיין, מיסטער האַנדעלמאַן... איך וועל נישט גיין...

שלמה דרייט זיך אום, באַטראַכט די סצענע. אינמיטן שאָפּ שטייט דער באָס, אַ קליינינקער, אַ דאַרער מיט אַן אויסגעשטרעקט קאַמיש הענטל צום טיר, און קוויטשעט אַלץ מיט באַנומענע קולות:

— אַרויס פון מיין שאָפּ!...

שלמה וואונדערט זיך. ער פרעגט אין געדאַנק:

„וואו נעמען זיך אַזוי פיל כחות צו אַט דעם נפש, צו אָט דער פאַרזעעניש?"...

א נערוועזע זיצט זי, די שיינע, געזונטע זיבצען-יעריגע פייגע און, ווי אן איינגע׳עקשנ׳ט קינד מורמלט זי אלץ:

— איך וועל נישט גיין, מיסטער האנדעלמאן... איך וועל נישט גיין...

קיינער קוקט נישט צו איר. די ארבעטער זיצן מיט די קעפ נאך נידעריגער איינגעבויגן, און ארבעטן נאך האסטיגער, ווי גע-ווינלעך...

שלמה שטעלט זיך אויף. ער רוקט לאנגזאם אראפ דעם פאר-קאשערטן ארבל און, צוגייענדיג צו דער מיידל, רופט ער זיך אפ צארט:

— נאריש מיידל וואס דו ביסט, וואס זיצסטו אזוי פאר-צווייפלט און וויינסט? פאראן דען ווייניג שעפער אין אמעריקע? קום מיט מיר, מיר וועלן שוין געפינען ארבעט...

ווי א שווערער שטיין האט זיך אראפגעקייקלט פון דער מיידלס הארצן. געפילט האט זי, ווי זיך א ווארף צו טאן אויף זיין ברוסט, זיך שטארק אויסוויינען און אים דערציילן איר ביטער מזל; ווי דער טאטע גייט שוין ארום באלד א יאר אן ארבעט; ווי די מאמע קריינקט און הוסט כסדר... און זי איז די איינציגע פארדינערן. איצט האט זיך איר פלוצלונג פארגלוסט א לאך צו טאן... זי האט עס אבער נישט דערציילט, נאר געשלוכצעט אן אן אויפהער, ווי אן איבערגעבעטן קינד.

בערעלע איז געבליבן שטיין פארוואונדערט. ער האט א ווײלע באטראכט שלמה׳ן מיט א פאר בליצנדיגע אויגן און גענומען פלוצים ליארמען אויף אים:

— וואס האסטו זיך אויפגעשטעלט אינמיטן דער ארבעט? וואס האט דאס צו טאן מיט דיר, הא?

שלמה האט זיך נישט איבערגעשראקן פאר זיין ליארמען. ער איז גאנץ קאלטבלוטיג געשטאנען און גוטמוטיג געשמייכלט. ארונ-טערקוקנדיג צום באס, ווי צו א קינד, האט שלמה דערקלערט, אז ער וועט זיך נאר דאמאלס זעצן צו דער ארבעט, ווען פייגע וועט צוריקקריגן איר ארבעט...

בערל האט א קלער געטאן. ער איז איצט זייער באשעפטיגט

און ער מוז אים האָבן, דעם שנעלן געזונטן בחור... ער וועט זיך מיט אים שוין אָפּרעכנען אַן אַנדערשמאָל... די פּאַסירונג האָט גאָרנישט געקענט ארויס פון בערל'ס קאָפּ; אַזוינס האָט מיט אים קיינמאָל ניט פּאַסירט. אַזאַ מין חוצפּה! אויפצושטעלן זיך אינ־מיטן דער ארבעט און סטראַשען, סטראַשען צו פּאַרלאָזן!... ניין, ער טאָר אים נישט האַלטן פאַר קיין געלט נישט. ער קען אים נאָך איבערפירן אַלע אַרבעטער...

טראַכטנדיג וועגן דעם, האָט זיך בערעלע געפּרואווט פּאָר־שטעלן אַזאַ בילד: אַלע זיינע ארבעטער גיבן זיך א שטעל אויף, ווי אָט דער שלמה, און די מאַשינען הערן אויף צו הוזשען...

אַ גרויל איז דורך איבער בערעלע'ס קערפּער. ער איז שנעל צוגעלאָפן צו זיין מיידל בעסי, און מיט כעס ארויסגעפּלאַצט:

— רעכן צוזאַמען וויפיל עס קומט אים, אָט דעם בחור, און נאָך היינט זאָג אים אָפּ פון דזשאָב... דאָס מיידל איז גע־בליבן זיצן ווי פּאַראַליזירט. אַ טויטע בלאַסקייט האָט זיך צע־גאָסן איבער איר פּנים. זי האָט זיך ארומגעקוקט און, צובויגנדיג זיך צום פאָטער, האָט זי כמעט וויינענדיג געשעפּטשעט:

— פּאַפּאַ, טו דאָס נישט, איך בעט דיך... זאָל ער אַר־בעטן... איך מוז אים זען... אַלע טאָג... איך מוז...

און זי האָט זיך שיער נישט צעוויינט.

בערל האָט דערשטוינט אַ קוק געטאָן אויף בעסין. איר בלאַס־קייט האָט אים דערשראָקן; ער האָט זי אָנגענומען פאַר ביידע הענט און צערטלעך געפרעגט:

— וואָס איז דיר, קינד מיינס? דערצייל דעם טאַטן דיינעם. ווייסט דאָך, אַז דו ביזט פאַר מיר אַלץ אויף דער וועלט...

— פּאַפּאַ, איך ליב אים זייער, אָט דעם שיינעם, שטאַרקן שלמה'ן.

זי האָט פאַרשעמט זיך פאַרשטעלט די אויגן מיט ביידע הענט...

בערל איז שטיל געבליבן, און זיך פאַרקלערט. פאַר ליבע האָט ער באַזונדערן אָפּשיי. אָ! ער ווייסט וואָס דאָס באַדייט. זיין גאַנצן לעבן וועט ער נישט פאַרגעסן, ווי שטאַרק ער האָט אַמאָל

געליבט זיין באַלעבאָס טאָכטער פרומע. אך, ווי ער האָט עס גע-ליטן! זי האָט זיך אבער פון אים אויסגעלאכט, און ער, ער האָט געמוזט חתונה האבן מיט דער שטומער איטע׳ן, ווייל קהל האָט אזוי געהייסן...

איצט, ווען זיין איינציג קינד ליבט, זאָל ער איר שטערן? ניין! קיינמאָל ניט! „יאָ", האָט ער צוגעשטימט אין זיין געדאנק... און ווענדענדיג זיך צו בעסי׳ן, האָט ער אויסגערופן אזוי צערט-לעך ווי פריער:

— זאָרג נישט, קינד מיינס, עס וועט זיין ווי דו ווילסט. ווען מיר וועלן זיך איבערקלייבן אויף בראָדוויי, וועל איך מיט אים איבעררעדן...

בעסי האָט זיך געריסט, און מיט דאנקבארקייט געקוקט אויף איר טאַטן.

..סעמקע..

ווען סעמקע האָט געענדיגט סקול, איז ער אלט געווען א יאָר פופצן. דעמאָלט איז ער געווען א שטארקער און פריילעכער אינגל. דאָס פנים איז געווען ברוין אָפּגעברענט פון דער זון. די ליפּן האָבן שטענדיג געשמייכלט. אויגעלעך האָט ער געהאט שווארצע, קליינע, פארזשמורעטע, און שטענדיג האָבן זיי פריילעך ארומגעטאנצט.

דעם טאָג, ווען ער האָט געקראָגן דעם „גרעדואייט־סערטיפי־קייט", איז ער א פארשוויצטער אריינגעשטורעמט אין שטוב און מיט קינדערשער פרייד געפּאָכעט מיט דעם דיפּלאָם אין דער לופטן און געשריגן: „הורא! הורא!" אָנכאפּנדיג מיטביידע הענט דער מוטער, האָט ער זי פעסט צוגעדריקט צו זיך.

— מאמע, — האָט זיך צווישן זיינע קושן געהערט, — מאָרגן גיי איך קריגן מיינע „וואָרקינג־פּייפּערס"! און אז איך וועל קריגן א דזשאב, וועל איך דיר ברייגנען א „האָל לאט אָוו מאָני"...

די מוטער האָט מיט ווייטאָג געשמייכלט. אָפּווישנדיג אים דעם שוויים פון פּנים, האָט זי אים א קוש געטאָן און אים געגעבן עסן.

סעמקע האָט גע׳חלש׳ט צו ארבעטן. שוין לאנג ווי ער האָט ארויסגעקוקט אויף דער געלעגנהייט. עס איז אים שוין מיאוס גע־וואָרן אהיים צו קומען, טרעפן דעם טאַטן אָן אומעטיגן, די מאמען א טרויעריגע, זיצנדיג דעם קאָפּ אָנגעשפּארט אויף די הענט און טראכטן. טראכטן וואו צו נעמען אויף רענט, אויף געז, אויף ברויט. ווען סעמקע פלעגט עס באמערקן, פלעגט אים א ציי טאָן זיין קינדיש הערצל, די אויגעלעך פלעגן זיך מיט טרערן אָנפילן:

„ווארט, לאָמיך נאָר אָנהויבן ארבעטן, וועט שוין אלץ גוט זיין" — פלעגט ער זיי טרייסטן אין געדאנק.

דער ערשטער שאָפּ, וואו סעמקע איז ארויף פרעגן פאר א „דזשאב", איז געווען א שניידער־שאָפּ. א צעטומלטער איז ער גע־בליבן שטיין ביי דער טיר. דאָס רוישן פון די מאשינען האָט גע־מאכט זיין הארץ האסטיגער קלאפּן. אין קאָפּ האָט אָנגעהויבן

שווינדלען און האמערן. ווי דורך א נעבל האט זיך דער באס בא-
וויזן. א קליינינקער, א בלייכער, האט ער זיך דערנענטערט צו אים.
א קוק-טועדיג אויף סעמקע'ס אנטוויקלטן, שטארקן קערפער, האט
ער באלד פארשטאנען, אז אזא „באיטשיק" דארף ער האבן. און ער
האט אים טאקע באלד צוגענומען.

סעמקע האט זיך יענעם מאמענט געפילט דער גליקלעכסטער
אויף דער וועלט. ער האט האסטיג אויסגעטאן דעם ראק, און פאר-
קאטשענדיג די ארבל פון העמד, זיך לעבעדיג א כאפ געטאן צו דער
ארבעט.

נאכדעם ווי סעמקע האט אפגעארבעט א פאר וואכן, האט זיך
אים אויסגעוויזן ווי ער וואלט שוין לאנג דארט געארבעט . . . די
טרויעריגע פנים'ער פון די ארבעטער זיינען ענלעך אזוי געווען צו
זיינע עלטערנס . . . דערפאר זיינען אלע געווען אזוי ליב צו אים . . .
פלעגט ער פרובירן אומישנע זיך פריילעך צו מאכן. ווען ער האט
באמערקט שמייכלען אויף זייערע בלאסע פנים'ער, האט דאס הארץ
ביי אים געטאנצט פון פרייד.

איינמאל, ווען סעמקע גייט אזוי פון דער ארבעט מיט דזשעק
דעם אפרייטאר, רופט זיך פלוצלונג דזשעק אן:

— ווייסט, סעם, איך מוז דיר זאגן דעם אמת: איך בין
„סורפרייזט", אז אזא באי ווי דו זאל ארבעטן אין א שניידער־שאפ.
וואס ביסטו עפעס א גרינער? פע! מעגסט זיך שעמען! אזא ווי
דו דארף זוכן עפעס א דזשאב אין אן אפיס, וואו דו זאלסט זיך
קענען ארויפארבעטן . . .

און סעמקע האט זיך פארקלערט. צום ערשטן מאל זיך פאר־
קלערט פאר דער צוקונפט. יעס, — האט ער שטיל ארויסגעשעפ־
טשעט פאר'חלומ'ט, — האסט רעכט, דזשעק, שבת זאג איך אפ
דעם דזשאב.

שבת, נאך דער ארבעט, — א דערשלאגענער, מיט אן אראפ־
געלאזטן קאפ, — האט זיך סעמקע געווענדעט צום באלעבאס און
שטיל געשטאמלט:

— מר. יודעלמאן . . . איך קענט זיך זוכן אן אנדער באי אויף
מיין פלאץ . . . ווייל איך גיי אוועק . . .

— פאַרוואָס? — האָט דער באָס דערשטוינט געפרעגט.

— איך גיי זיך לערנען אַ טרייד... — האָט סעמקע ווידער געשטאַמלט.

מר. יודעלמאַן האָט בשום אופן זיך ניט געקענט באַשליסן צו פאַרלירן דעם שטאַרקן אַרבעט־פייאיגן סעם. ער האָט אים באַטראַכט אַ ווײַלע. דערנאָך האָט ע ראַים ליבלעך אָנגענומען פאַר די אַקסלען און אַזוי זיס גענומען ריידן.

— וואָס טויג דיר אַ טרייד, סעם? באַרעכן וויפיל געלט דו וועסט פאַרלירן. זעקס חדשים מוזטו דאָך לערנען ביז דו וועסט באַטש עפּעס פאַרשטיין. און אַז דו וועסט שוין קענען, מיינסטו, אַז שוין קריגסטו אַ „פּליים" צו דער אַרבעט?... בלייב אַרבעטן!... הערסט וואָס איך זאָג דיר? — האָט ער שוין גערעדט אין אַ באַ־פעלנדיגן טאָן. — און אַז דו וועסט זיין אַ „גוד באַי", — וועל איך דיר אויסלערנען צו זיין אַ קאַטער. און ווער ווייס? אַז דו וועסט זיך נאָר „באַהייוון", וועל איך דיך נאָך אַמאָל מאַכן פאַר „די העד־מען און די פּליים"...

סעמקע איז געבליבן שטיין אין אַ פאַרלעגנהייט, און ניט גע־וואוסט וואָס אָנהויבן צו טאָן. שנעל, שנעל האָט זיין יונגער מוח געאַרבעט. פאַרשידענע געדאַנקען זיינען געקומען און געפלויגן. אין די אויערן האָבן ניט אויפגעהערט צו קלינגען דעם באָס'ם לעצ־טע ווערטער: „אַז דו וועסט זיך „באַהייוון", וועל איך דיר נאָך אַמאָל מאַכן פאַר „די העד־מען און די פּליים"...

— „די העד־מען און די פּליים", — האָבן זיינע ליפּן שטיל געשעפּטשעט און אין די געדאַנקען האָט ער זיך שוין געזען אַן אויסגעוואַקסענער, ווי דער באָס... אַזוי שפּאַצירט ער איבער דעם שאָפּ... באַטראַכט יעדע זאַך מעשה מבין...„די העד־מען און די פּליים"... וואוינען וואוינט ער שוין מער נישט אויף גאַריק סטריט, נאָר אַפּ־טאַון, אין אַ רייכן הויז — שיין אויסגעפּויר־נישד.. די מאַמע — אַ פרייליכע... דער טאַטע — אַ לעבע־דיגער... יעדע וואָך ברענגט ער אַהיים אַ „האָל לאָט און מאַני" און עס איז אים אַזוי גוט, אַזוי גוט...

סעמקע איז פאַרבליבן אַרבעטן.

פינף יאָר זיינען אריבער. סעמקע אַרבעט אַלץ אין דעם זעלביגן שאַפּ. ער וואַרט שוין אָבער מער נישט צו ווערן די „העד־מען און די פּליים". זיין קינדערשער מוח האָט זיך שוין לאַנג אויסגעלייטערט. ער ווייסט שוין צו וועלכן קלאַס ער באַלאַנגט... און אויסגעצערטער, אַ בלייכער, זיצט ער אויבן־אָן, ביי דער מאַשין, און שטופּט די וואָרע אונטער דער נאָדל. טיילמאָל הויבט ער פאַרזיכטיג אויף זיינע גלאַנצנדיגע אויגן און פון זיין מויל פליט אַרויס אַ פייערדיג וואָרט, וועלכעס צינדט אָן די אַרומיגע מיט אַ פיבערדיגן פאַרלאַנג צו קעמפן פאַר בעסערע באַדינגונגען.

אַ גרויער פרימאָרגן. דער הימל איז ווי מיט בליי אַנגעגאָסן. אַ געדיכטער טומאַן הענגט אין דער לופטן. פון טומאַן זיפּט זיך אַרויס אַ פויל רעגנדל, וואָס מאַכט יעדן זיך צו איילן שנעלער צו דער אַרבעט. אָבער סעמקע איילט זיך נישט. ער שטייט נית ווייט פון זיין שאַפּ מיט אַ פּאַק רויטע צירקולאַרן, וואָס רופן צו אַ גענעראַל סטרייק. ער שטעלט אָפּ יעדן איילנדיגן פאַרבייגייער, און געבנדיג אים דעם צירקולאַר, רופט ער מוטיג אויס: „סטרייקט! פונקט צען אַזייגער וואַרפט די אַרבעט און סטרייקט!"

אַריינקומענדיג אין שאַפּ, טרעפט ער דעם באָס שטיין אינמיטן שאַפּ און אַרום אים — אַלע אַרבעטער. ער שטייט אַ דערשלאָגענער און האַלט אַ רעדע:

— אַרבעטער! אַ „באַנטש" פוילענצער רופן היינט אַ סטרייק! אָבער איר דאַרפט זיך צו זיי נישט צוהערן! איך וועל אייך געבן „פּלענטי פּראָטעקשאָן"! טוט אויס אייערע קאָוטס און זעצט זיך צו דער אַרבעט! — אין זיין קול האָט זיך געהערט אַ ציטער.

פּלוצלונג האָט סעמקע אַרויסגעדונערט:

— חברים, הערט זיך נישט צו צו זיינע גיפטיגע רייד! לאָזט זיך נישט מער עקספּלואַטירן פון אַט די בלוטזויגער! מיר דערקלערן שוין די מינוט דעם סטרייק! לאַנג לעבן זאָל די פּראָיוניגטע מאַכט פון דעם פּראָלעטאַריאַט!

— הורא! — האָבן אַלע אויסגערופן און מיט באַגייסטערונג זיך געלאָזן צום אַרויסגאַנג.

סאַפיע קומט צו זיך

איר פאַטער האָט געוואָלט, אַז זי זאָל ווערן אַן אַדוואָקאַט, האָט ער געשקלאָפט אין שאַפ ביי „ני־פּענטס“, כדי זי אויסצו־האַלטן אין קאָלעדזש. אָבער סאַפיע האָט אַנדערש געדענקט. אַנ־שטאָט קאָלעדזש האָט זי די טעג מיט יונגעלייט אויף בראָדוויי פאַרבראַכט.

אין די פרימאָרגנס פלעגט זי זיך אויספּוצן און נעמען די בי־כער אונטער׳ן אָרעם, אַקוראַט ווי זי וואָלט געגאַנגען אין סקול אַריין. אָבער געגאַנגען איז זי גאָר טרעפן זיך מיט אַ יונגנמאַן, וועל־כער פלעגט שוין וואַרטן אויף איר, ערגעץ אויף אַ באַשטימטן פּלאַץ.

סאַפיע איז אַן אומרואיגע מיידל. עפּעס פעלט איר, וואָס — ווייסט זי אַליין נישט. אין איר נשמה האָט געברויזט אַן „עפּעס“, — געזוכט אַ באַפרידיקונג און אין קיין זאַך נישט געפונען.

אָנפאַנגס פלעגן די שונד־ראָמאַנען אין די טעגלעכע צייטונגען ווי עס איז זי פאַרכאַפּן. שפּעטער האָבן די זוניקע טעג זי באַגייס־טערט. דאָס פאַרפלעקן אין קאָלעדזש, פאַרברענגען מיט יונגעלייט אין די קינאָס, האָט איר אַריינגעבראַכט אין אַ פייערדיגער שטימונג. אָבער דאָס האָט אויך נישט לאַנג אָנגעהאַלטן.

איינמאָל אין אָוונט, ווען דער פאָטער איז אַ מידער געזעסן ביים טיש און געלייענט זיין צייטונג, איז זי געזעסן אַנטקעגן אים און באַטראַכט זיין אויסגעמאַטערטן געלן איינגעשרומפּענעם פּנים. טרערן האָבן פּלוצלונג אָנגעפילט אירע גרויסע, ליכטיגע אויגן, און אין מוח איז איר דורכגעלאָפן אַ געדאַנק: — אָ, ווי איך נאַר דעם צעבראָכענעם, אויסגעאַרבעטן טאַטן!״

זי איז צוגעגאַנגען נענטער צו אים, אַרומגעפלאָכטן אירע געטאָקטע הענט אַרום זיין האַלז און, קושנדיג אים, זיך צעוויינט. דער פאָטער האָט זיך האַסטיג אויפגעשטעלט, אָנגעכאַפּט איר

פאר די הענט און א צעטומלטער געפרעגט: „וואס טוט דיר ווי, סאפיע?“ — „גארנישט, פאפע, גארנישט“, — האט זי שלוכצענדיג געענטפערט. אבער ער איז צוגעשטאנען און זי האט אים אלץ דער-ציילט...

ער איז געבליבן זיצן א דערשלאגענער און בלויז געמורמלט מיט ווייטאג: — „געוואלט מיט עפעס שטאלצירן, אבער נישט באשערט“...

איצט ארבעט זי אין קליינ׳ם קליידער-געשעפט. דעם גאנצן טאג — אין געטומל און גערודער פון די טויזנטער קונדן, וואס באזוכן דעם גרויסן קליידער-געשעפט. זי זיצט אויף א בענקל, אין דער הויך איבער אלעמענס קעפ. איר ארבעט איז אויפצופאסן, אז קיינער זאל עפעס נישט צו׳גנב׳ענען. דער שטויב פון די קאסטי-מער, וואס דרייען זיך ארום אין געשעפט, הילט איר איין ווי אין א טומאן. די פארשטיקטע לופט, די שטענדיגע עלעקטרישע באלייכ-טונג, מאכט איר אפטמאל פילן, אז אט-אט פאלט זי אין חלשות. עס ווערט איר אוש פינצטער אין די אויגן... אירע רויטע געזונטע באקן האבן ביסלעכווייז גענומען אויסצערן.

איינמאל, נאך א טאג ארבעט, ווען אלע מיידלעך האבן זיך פארקליבן אין קעלער פון געשעפט איבערצוטאן זיך אויף אהיים צו גיין, האבן די מיידלעך דערווייל גערעדט צווישן זיך פון די פאסי-רונגען פון טאג. מען דערמאנט זיך פארשידענע עפיזאדן, וואס ס׳זיינען פארגעקומען. עטלעכע לאכן, אנדערע באדויערן וועגן עפעס. פלוצלונג גיט זיך די „מענעדזשערן“ א ווענד צו די מייד-לעך, זי הייבט אן ריידן מיט א חוזק-שמייכעלע:

— איר ווייסט, מיידלעך, די דרעסמייקערס קלייבן זיך ארויס-גיין אין א סטרייק. עס קאן זיין, אז מיר זאלן נאך צוליב דעם ווערן זייער „סלאו“... די גרינהארנס, נאר סטרייקן ווילט זיך זיי!

סאפיע האט צום ערשטן מאל דערפילט א ציטער דורך איר גאנצן קערפער. אויפגערעגט האט זי א שליידער געטאן דער מע-נעדזשערן אן ענטפער:

— גרינהאָרנס זיינען זיי, זאָגסטו ?... און איך זאָג דיר : — הלואי וואָלטן מיר, אמעריקאנער „קאלעדזש-גוירלס" געהאט זייער שכל !

זי האָט דערפילט אַ שטארקייט און א מוט. א פייער האָט אָנגעצונדן איר הארץ. מיט פלאמיגע ווערטער האָט סאָפיע גענו-מען מאָלן די אומדערטרעגלעכע באדינגונגען אונטער וועלכע זיי ארבעטן ; די שקלאפעריי, די אוממענטשלעכע באדינגונגען, אונטער וועלכע צענדליגער אמעריקאנער מיידלעך גיבן אוועק זייער יוגנט, זייער לעבן, פאר א הונגער-לוין.

צום סוף האָט זי אויסגערופן צו די אָרומיגע דערשטוינטע מיידלעך :

— שוין צייט, אז מיר, אַמעריקאנער מיידלעך, זאָלן זיך אויך אָרגאניזירן און סטרייקן פאר בעסערע לעבנס-באדינגונגען...

וואָס הייסט ניט קריגן קיין אַרבעט?

די גאַנצע נאַכט האָט סאָפּיע די אויגן נישט געקאַנט צומאַכן. אין מוח האָט נישט אויפגעהערט עגבערן די איינציגע פראַגע:

— וואָס הייסט, עס איז נישטאָ צו קריגן קיין אַרבעט? עפּעס קאָן זי עס גאָרנישט באַגרייפן. פון זינט זי האָט פאַרלוירן דעם דזשאָב אין קליינ׳ס קליידער-געשעפט, קען זי גאָרנישט קריגן קיין אַנדער באַשעפטיגונג.

זי שטייט אויף גאַנץ פרי, קויפט אַ „וואָירלד״, איילט אין סאָבוויי און זוכט צווישן די קליינע שורה׳לעך. יעדע באַשעפטי-גונג, וואָס זי דיינקט פאַר פּאַסיג, פאַרצייכנט זי. אַרויסגייענדיג פון סאָבוויי, איילט זי זיך פון איין פּלאַץ צום צווייטן. אָבער וואו-הין זי קומט, טרעפט זי שוין דעם פּלאַץ באַלאַגערט פון צענדליגער מיידלעך. אין האַרצן דערפילט זי מיט אַמאָל אַזאַ שווערקייט, אַזוי אַראָפּגעפאַלן ביי זיך...

און אָט איז אַן אַנאָנס: „ס׳ווערט פאַרלאַנגט אַ מיידל מיט הויך-שול-בילדונג, וואָס זאָל טאָן אָפּיס-אַרבעט פאַר 15 דאָלער אַ וואָך״. און אַזוי פיל מיידלעך באַלאַגערן דעם פּלאַץ... כדאי צו פּלאָגן זיך פיר יאָר אין הויך-שול, עס איז אַ פאַרברעכן! — באַ-שליסט זי ביי זיך. — עס דאַרף אַנדערש זיין! — פילט זי ווי אוים-צושרייען אַזוי, אַז אַלע מיידלעך זאָלן הערן. — וואָס הייסט עס נישט צו קריגן קיין אַרבעט?...

אָבער זי שרייט דערווייל נישט, — נאָר גייט אַן אַנטוישטע, אַ מידע, מיט לאַנגזאַמע טריט אינ׳ם זוניגן פרימאָרגן, — אַ פאַר-קלערטע...

פון געוואוינהייט פאַרבלאָנדזשען אירע טריט צו קליינ׳ס קליי-דער-געשעפט. זי באַטראַכט דורך די פענסטער די קליידער אויף די פיגורן. דאָס האַרץ ביי איר נעמט קלאַפּן פון כעס: — „אָט די פירמע האָט עס מיך געמאַכט אַרומבלאָנקען אַ פאַרצווייפלטע אין

די גאסן״. — זי קאָנצענטראַלירט זיך מיט אַלע כחות; זי קלערט, אַז עפּעס איז נישט יושר׳דיק; די פירמע וואָלט געדאַרפט זיין פאַר-אַנטוואָרטלעך צו עמיצן...

לעבן קאָאָפּעראַטיוון רעסטאָראַן באַמערקט זי, ווי עס שטייען גרופּעס מענטשן. אין א רעדל שטייט א בלאָנדער יונגערמאַן און דעבאַטירט מיט נאָך איינעם. זי גייט צו, שטעלט אָן אן אויער און דערהערט פּלוצים איר אייגענע פראַגע: „וואָס הייסט עס נישט צו קריגן קיין אַרבעט?״ אין דעם רייכסטן לאַנד פון דער וועלט דרייען זיך אַרום אַריבער זיבן מיליאָן אַרבעטסלאָזע!

— ווער איז שולדיג? — דונערט מיט כעס דער בלאָנדער יונגערמאַן.

דער צווייטער, ווייזט אויס, איז צופרידן פון דער פראַגע. ער הויבט אויף א פּאָר שוואַרצע ניכטערע אויגן, באַטראַכט די פאַר-זאַמלטע, וועלכע האַלטן זיך אין איין פאַרגרעסערן, און הויבט אָן מיט א קלאָר קול פאַרענטפערן די פראַגע:

די אורזאַך פאַרוואָס עס איז א קריזיס אין לאַנד, פאַרוואָס מען קאָן בשום אופן ניט קריגן קיין באַשעפטיגונג, איז, ווייל עס איז אן איבער-פּראָדוקציע. קיין מאַרק וואו צו פאַרקויפן די אויסגע-אַרבעטע סחורה איז נישטאָ. איבער-פּראָדוקציע קומט דערפון, וואָס פאַר די לעצטע פּאָר יאָר האָבן די ניי-דערפונדענע מאַשינען אוועקגענומען די אַרבעט פון טויזנטער אַרבעטער, פון פאַרשיידענע אינדוסטריעס. די מאַשינען מאַכן פיל מאָל אַזוי פיל אַרבעט, ווי מענטשלעכע הענט פלעגן פּראָדוצירן. אונטער דער איצטיגער סיסטעם וועלן די אַרויסגעוואָרפענע אַרבעטער קיינמאָל נישט קריגן קיין באַשעפטיגונג, סיידן מען זאָל איינפירן א זיבן-שעה׳דיגן אַר-בעטס-טאָג און פינף טאָג אַרבעט א וואָך און... אַז די אַרבעטער זאָלן ווערן די באַלעבאַטים פון די מאַשינען. אָבער דאָס וועלן די קאַפּיטאַליסטן קיינמאָל נישט נאָכגעבן מיט גוטן, סיידן דורך א קאַמף. די איינציגע פּאַרטיי, וואָס איז פאַרטיג צו קעמפן און באַ-פרייען דעם אַרבעטער פון דעם פּאַראַזיט, וואָס הייסט קאַפּיטאַליסט, איז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי. דערפאַר דאַרפן אַלע אַרבעטער זיך

אַנשליסן אין דער פּאַרטיי. צוזאַמען וועלן מיר זיי געבן דעם לעצטן קלאַפּ.

סאָפיע איז געשטאַנען פעסט צוגעדריקט צו די פּאַרזאַמלטע. יעדער וואָרט פון דעם רעדנער האָט אָנגעקלאַפּט אין איר האַרצן. אירע בלוטן האָבן געברויזט. דאָס פּנים האָט געפלאַמט. זי האָט דערפילט, אז איר פראַגע ווערט פאַרענטפערט... זי האָט באַטראַכט די יאַטן פון אָרום און פּלוצים דערפילט, אז אָט צו דער חברה באַלאַנגט זי. אויף אירע ליפּן האָט זיך צעשפּרייט א זוניגער שמייכל. א צופרידענע, מיט טאַנצנדיגע טריט, האָט זי זיך אהיים געאיילט...

קאריעריסטן

א מערקווירדיגער שאפ. אונטער פארשידענע נעמען איז ער באוואוסט צווישן די שניידער. מאנכע רופן אים „שעיר לעזאזל“, אנדערע — דער „עיר מקלט“, אבער אמבעסטן איז ער באוואוסט אונטער דעם נאָמען „דער קאלעדזש“.

ווען מען קומט אריין אין דעם „קאלעדזש“ און מען באַטראַכט די צוויי שורות אפּרייטאָרס, מוז מען נישט ווילנדיג שמייכלען. עס דוכט זיך, ווי איין מאמע וואָלט זיי געהאט. אלע זיינען זיי גלייך בלייך און צעשויבערט, מיט אויסגעמוטשעטע קויטיגע פּנימ.ער. די אויגן זיינען גלייך פאר׳חלומ׳ט. אבער די געדאנקען — אָ, ווי פארשידן.

אויבן-אָן זיצט בערל דער פּאקעטמאכער. ער זיצט און זיינע אויסגעדארטע לאנגע פינגער קערן פלינק אריין די קעשענעס. די געדאנקען, אבער, זיינען גאָר פארטיפט אין פארשידענע ביכער. זיי מישן בלעטער איינע נאָך דער אנדערער. די ליפּן חזר׳ן שטיל צו זיך לאטיינישע ווערטער — „פּאָטעזיאום“ ... „פּאָספּאָרום“ ... — ער קלייבט קאונטס. — דאָס פּנים מאכט דערביי פארשידענע גרימאסן און עס דאכט זיך, ווי דער גאנצער פּנים וואָלט מיט שווערע וואָלקנס זיך איינגעהילט ...

לעבן אים זיצט זעליג דער ראָק-שטעפּער. ער ארבעט שנעל, לעבעדיג. זיין קערפּער וויגט זיך הין און צוריק, צום ריטם. יעדעם רעקל, וואס ער ענדיגט שטעפּן, האלט ער אין דער לופטן א סעקונדע, אקוראט ווי ער וואָלט די ארבעט וועלן באטראכטן. אבער אין דער אמת׳ן דענקט ער אפילו נישט וועגן דער ארבעט. זיין בלייך פּנים איז עפּעס מיט אזא צערטלעכקייט אויסגעגאָסן, אין די אויערן ביי אים דרינגען אריין אזוינע צערטלעכע טענער און וויברירן זיין מוזיקאלישע נשמה ...

און אזוי כסדר איינער נאָך דעם צווייטן, זיצן באזונדערע

וועלטן, פארטיפט און זייערע „פראפעסיעס" אלע זייערע יארן... זייער „ציל" ווערט זעלטן דערגרייכט. זייער אייגענע לאגע אינטע-רעסירט זיי נישט. צעטיילט — יעדער פאר זיך — שקלאפן זיי און שקלאפן...

דער באלעבאס איז צופרידן און נאך שטאלץ דערצו: בא אים ארבעטן נישט אבי ווער; געבילדעטע מענטשן ארבעטן פאר אים. — שמייכלט אים דער געדאנק.

ווען א קונה קומט אין שאפ, ווערט ער מלא שמחה. ער נעמט אים אן פאר דעם ארעם, פירט אים אריין אינמיטן שאפ און מיט באגייסטערונג פרעגט ער אים: — ווי געפעלט אייך מיין „קא-לעדזש"?... דער קונה קוקט אים אן פארוואונדערט און פרעגט: — וואס מיינט איר?

— איר זעט די אלע, וואס זיצן דארט בא די מאשינען? דאס זיינען אלע סטודענטן. זיי שטודירן פארשידענע פראפעסיעס. — בארימט זיך דער באלעבאס.

דער קונה פרעגט אן איבערראשטער: — לוינט זיך אייך?

דער באלעבאס צעלאכט זיך דערביי אפן קול און, איינבויגנדיג זיך צום קונה'ס אויער, רוימט ער אים איין א סוד: — עס לוינט זיך... עס לוינט זיך...

און די ארבעטער זיצן און וואַרפן זיך און טרייבן מיט אים-פעט די מאשינען. מיט גאנצע בערג ארבעט פארלייגן זיי דעם שאפ. זיי מאכן דעם באס אלץ רייכער און רייכער. זיי באמערקן אבער דאס נישט. זייערע געדאנקען זיינען צופיל פארטיפט אין זייער שטודיום, אין זייערע קאריערעס...

האָט זיך נאָך ניט געפונען

מעקס איז שוין היפּשע עטלעכע וואָכן אויסער אַרבעט. וויפיל ער זאָל נישט זוכן, קאָן ער בשום אופן קיין דזשאָב ניט געפינען. דרייט ער זיך אַרום — אַ פאַרצווייפלטער — איבער די גאַסן און קאָן זיך קיין עצה ניט געבן.

וואָס לענגער ער אַרבעט נישט, אַלץ פרעמדער ווערן זיין ווייב און קינדער צו אים. די ווייב האָט ביסלעכווייז אויפגעהערט רעדן צו אים, מיידט ער אויס אהיימצוקומען אין צייט. שפּעט ביינאַכט אָבער, ווען ער איז זיכער, אַז דאָס הויז-געזינד שלאָפט שוין, גנב׳עט ער זיך שטיל אריין צו זיך אין הויז די ווייב און קינדער שלאָפן גאַנץ געמיטלעך... ער זעצט זיך שווער אוועק, אָפּצורוען זיינע מידע פיס פון אַ גאַנצן טאָג אַרומלויפן זוכן אַ דזשאָב. דאָס פּנים איז אָפּגעצערט, די ליפּן — פאַרשמאַכט. און אין זיין „היים“ גע-פינט זיך ניט קיין חבר, וואָס זאָל אים כאָטש אויפמונטערן מיט אַ טרייסט-וואָרט... אַן עלנטער, אַ פאַרלאָזענער, פילט ער זיך ביי זיך אין דער היים...

מעקס זיצט אַ פאַרקלערטער. עס איז שפּעט אין דער נאַכט. פאַר זיינע אויגן לויפט פאַרביי זיין גאַנץ פאַרהייראַט לעבן. באַ-קאַנט האָט ער זיך מיט זיין ווייב אין דער סאָציאַליסטישער פּאַר-טיי. ער דערמאָנט זיך: זיי שפּאַצירן אין פּאַרק... דאָרטן שווערט מען זיך אייביגע ליבע און זי זאָגט: „איינמאָל אין טאָג אַ שטיקל ברויט צו עסן, אַבי מיט דיר צוזאַמען זיין!“... זיי האָבן חתונה געהאַט... די וועלט-מלחמה צעפלאַקערט זיך; טויזנטער מענטשן ווערן אויסגעמאָרדעט... אין לאַנד איז „פּראָספּעריטי“, „אַרבעט איז פאַראַן איבער גענוג... די פאַרדינסטן הויבן זיך גאַנץ הויך... מעקס פאַרדינט אַ סך געלט און ער גלויבט, אַז ער האָט עס צו פאַר-דאַנקען זיינע גרויסע פיאיקייטן... דאָס ווייבל זיינס פאַרגעסט דאָס ביסל סאָציאַליזם, וואָס זי האָט פאַרמאָגט, און האָט איינגע-

אָרדנט א רייכע היים; זיך געגומען חבר׳ן מיט אַן אַנדערן קלאַס מענטשן און אינגאַנצן פאַרגעסן וואו זי באַלאַנגט...

דערווייל זיינען די יאָרן געלאָפן. די גוטע צייטן זיינען שנעל פאַרשוואונדן. מעקס׳ס געהאַלט איז וואָס אַמאָל קלענער געוואָרן. פאַר די לעצטע פּאָר יאָר האָט ער בלויז געאַרבעט א פּאָר טעג אין וואָך. די ווייב, אַבער, האָט זיך נישט געוואָלט רעכענען מיט די צייטן. זי האָט אים, מעקס׳ן, שטענדיג באַשולדיגט: — „ביסט א פוילער, ווילסט נישט אַרבעטן". און וואָס ערגער די לאַגע איז געוואָרן, — אַלץ מער פאַרפרעמדט זיינען זיי געוואָרן איינער צום צווייטן...

מעקס האָט פּלוצלינג דערזען אין זיין ווייב זיין גרעסטן שונא. זיין היים איז געוואָרן א גיהנום. די קינדער זיינען באַאיינפלוסט געוואָרן פון דער מוטער און האָבן געקוקט מיט פאַראַכטונג אויף דעם אויסגעאַרבעטן, אויסגעצערטן טאַטן. עס טוט אים וויי... באַשליסט ער ביי זיך, אַז די בעסטע זאַך וואָלט געווען, אינגאַנצן אויפהערן אהיימצוקומען. אָבער... צו שוואַך איז זיין ווילנסקראַפט...

זיצט ער אַזוי איינער אַליין אינמיטן דער נאַכט און קלערט. א קאַלטער שוויים באַשלאָגט אים. ער דערפילט פּלוצלונג ווי די ווענט פון צימער קומען זיך לאַנגזאַם צוזאַמען און אָט-אָט ווערט ער באַלד צעדריקט. ער כאַפּט זיך האַסטיג אויף פון שטול און נעמט שרייען מיט באַנומענע קולות...

די ווייב און קינדער כאַפּן זיך אויף, און שפּרינגען אַרונטער דערשראָקענע פון די בעטן. ווען מעקס דערזעט זיין ווייב, דאַכט זיך אים, אַז זי קוקט מיט שפּאָט אויף אים. ער ווערט שרעקלעך ווילד און נעמט ברעכן אַלץ, וואָס קומט אים נאָר אונטער די הענט. א דערשראָקענע עפנט די ווייב האַסטיג די טיר, קלאַפּט אָן ביי די שכנים און שרייט:

— „מענטשן, ראַטעוועט, מיין מאַן איז משוגע געוואָרן!"...

„דעם פרילינג פון מיין לעבן אַוועקגעגעבן“

(אַ בילד)

א מערץ אָוונט. אינדרויסן שנייט און רעגנט. א קאַלטער, בייסנדיקער ווינט נעמט דורך יעדן אבר. איינגעהילט מיט אויפגע-שטעלטע קעלנער איילן זיך מענטשן אהיים, אין זייערע ליכטיגע ווארעמע שטיבער.

נאָר דזשעק קאפּלאַן איילט זיך נישט. פאַמעלעך שפּאַצירט ער א פּארקלערטער. ער פילט נישט די ארומיגע קעלט, דעם שניי און רעגן, וואס שמייסט אים אין פּנים. מיט פארשוויצטע אויגן גייט ער ווי אין א נעבל, אבער ער באמערקט עס אפילו נישט. אויף זיינע ליפּן שפּילט א גליקלעכער שמייכעלע. א ווארימקייט צע-גיסט זיך אלע ווילע איבער זיין קערפּער, אזוי אנגענעם זיס... אין די געדאנקען זעט ער זיך שוין דאָרט, אין דער ווייטער, ווייטער שטאָט, וואו די קאָנווענשאָן וועט פאָרקומען. ער איז איינער פון די דעלעגאַטן... ער דערמאָנט זיך, אז אָט אזוי האָט ער זיך געפילט לאנג צוריק, ווען ער האָט זיך דעם ערשטן מאָל מיט זיין סאָניען באַגעגנט...

ווען ער איז אריינגעקומען אין האָל, האָט ער אחוץ דער וואַל-קאָמיטע קיינעם נישט געטראָפן, ווייל עס איז נאָך געווען פרי. אין האָל איז געווען ליכטיג און ווארים. די קאָמיטע איז געווען שטארק באַשעפטיגט צו ברייננגען אלץ אין אָרדנונג. דזשעק האָט באַגריסט די באַקאַנטע מיט א שאָקל פון קאָפּ, זיך פאררוקט אין א ווינקל און זיך פארטיפט אין מחשבות.

שלמה ראָזן, איינער פון די קאָמיטע-לייט, אן אקטיווער מיט-גליד פון דער יוניאָן, האָט דאָס באַמערקט. ער איז שנעל און לע-

בעריג צוגעלאָפן צו אים און אַ קלאַפּ געבענדיג אים אין פּלייצע, האָט ער אויסגערופן:

— וואָס אזוי טרויעריג, קאַפּלאַן? האָסט אפשר מורא, אז וועסט דורכפאַלן אלס דעלעגאַט צו דער קאָנווענשאָן?

דזשעק האָט זיך אויפגעכאַפּט ווי פון שלאָף. זיין ערשטער בליק איז געפאַלן אין שפּיגל אנטקעגנאיבער און ער האָט זיך דער-זען: געל דאָס פּנים, אויסגעצויגן, אויסגעמאַטערט, די האָר פון קאָפּ האַלב-גרויע. „ווי שנעל מען ווערט אַלט" — איז אים דורכ-געלאָפן דער געדאַנק אין מח. אומדרייענדיג זיך צו ראָזענען, האָט ער ערשטוינט געפרעגט:

— ראָזן, דענקסטו טאַקע, אז איך האָב ניט קיין געלעגנהייט דערוויילט צו ווערן?

— איך גלויב, אז דו ביזט אַ שוואַכער קאַנדידאַט, ווייל דו „קאַמפּיינעוועסט" גאָר ניט.

— וואָס מיינסטו? — האָט דזשעק מיט היץ געפרעגט, — איך דאַרף אויך קאַמפּיינעווען? איך גלויב, אז עס איז נישטאָ קיין איינער אין אונזער לאָקאַל, וואָס איז געגן דזשעק קאַפּלאַן...

— יעס, ברודערקע, — האָט ראָזן געלאַסן געענטפערט, — צו שוויצן גאַנצע נעכט ביי דער עקזעקוטיווע וועלן זיי דיך טאַקע דערוויילן, נאָר צו דער קאָנווענשאָן מוז מען פאַרט קאַמפּיינע-ווען...

— אָ, ווייסט נישט וואָס דו רעדסט, — האָט דזשעק בייז אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. — צען יאָר, ווי איך זיץ אין דער עקזעקוטיווע. ווארום זאָלן די מיטגלידער גראַדע יעצט מיך דורכ-וואַרפן? ווייל איך האָב אזא שטאַרקן באַגער כאָטש איינמאָל אין מיין לעבן זיך אויסצומישן מיט דעלעגאַטן פון גאַנץ אמעריקע און קאַנאַדע?

— הער זיך איין, קאַפּלאַן — האָט ראָזן ערנסט גענומען רעדן. — פון די אַלע קאַנדידאַטן, וואָס לויפן צו דער קאָנווענשאָן, געפינען זיך נאָר עטלעכע, וועלכע זיינען ווערט אונזער לאָקאַל צו פאַרטרעטן, וועלן זיי אבער נישט דערוויילט ווערן, ווייל זייענדיג ראַדיקאַל, דענקען זיי, אז עס איז אונטער זייער ווירדע צו „קאַמ-

פיינעוועץ". און איך זאָג, אז עס איז שוין די העכסטע צייט, אז דער ראדיקאלער עלעמענט זאל זיך איינינגן ביי די וואלן און ארויס־שטעלן קאנדידאטן, וואס זאָלן געווינען, נישט פארלירן. די דער־ציאונג, וואס די מאסן האבן געקראָגן ביז יעצט, איז צו שטארק אין זייערע ביינער. מיט איין מאָל אַן ענדערונג איז אַן אומעגלעכ־קייט... יענע, די אומגעווינשטע, די טעמפּע אומוויסנדע פּאָלי־טישנס, זיי ווייסן בעסער, ווי צוצוקומען צו די מאסן, און מיר מוזן זיך מיט דעם רעכענען, אויב מיר ווילן ווען עס איז אריינ־דרינגען אין די מחות און אין די הערצער פון די מיטגלידער מיט אונזערע אידעאַלן...

דזשעק האָט זיך האסטיג אויפגעהויבן, נערוועז גענומען שפּאַ־נען היין און צוריק איבער דעם זאל. צוקומענדיג נאָך אמאָל צו ראָ־זען׳ען, האָט ער אים אָנגענומען פאר דעם אקסל און שטיל גע־שעפּטשעט:

— האָסט רעכט, ראָזן, מיר מוזן בילדן א מאכט, אונזער ריידן איז בלויז פראזן אָן א פאראייניגטער מאכט...

לעבן די רייען זיינען געשטאנען קאנדידאטן אומדערפארענע, אומפאסיגע אינגאנצן א פּאָר יאָר מיטגלידער פון דער יוניאָן. מאנכע — מיט צווייפלהאַפטע רעפּוטאציעס. זיי זיינען ארומגע־לאָפן לעבן די רייען און חוצפה׳דיג געבעטן צו שטימען פאר זיי. וואוילוינגעריש געוואָרפן סיגארעטס צו די מענער, צוקערקעס צו די מיידלעך, און אָן שאנדע געבעטלט זייערע שטימען.

קעגנאיבער איז געזעסן דזשעק, דער וועטעראן, וועלכער האָט פיל מאָל זיין לעבן איינגעשטעלט העלפנדיג פארבעסערן די לאגע פון אָט די ארבעטער, וועלכע שטייען אין די רייען און קוקן אפילו ניט אריבער צו אים. אזוי פארטיפט זיינען מאנכע אין די סיגאַ־רעטלעך, מיט וועלכע די אינגלעך טראקטירן זיי. דזשעק באטראכט דאָס אלץ, און אין זיין מח עגבערט א געדאנק: „דעם פרילינג פון מיין לעבן אוועקגעגעבן"...

ער גיט א וויש דעם שטערן, גלייך ווי ער וואָלט דעם געדאנק פארטריבן.

עס איז ניין אזייגער. דער טשערמאן דערקלערט, אז די וואלן

זיינען צו ענדע, און די קאָמיטע נעמט זיך ציילן די אָפּגעגעבענע שטימען. אין זאַל ווערט שטיל. יעדער פאַרנעמט זיין פּלאַץ. א נייגעריקייט באהערשט די אנוועזנדע.

מיט א בלייפעדער און פּאַפּיר אויף די קני זיצט דזשעק ניט ווייט פון די ציילער. דאָס הארץ זיינס קלאַפּט האסטיג ב י ז עס ווערט אים שווער צו אָטעמען. דאָס פּנים ברענט און אָט רופט דער טשערמאַן אויס די ערשטע שטימען:

— קאַפּלאַן! — דזשעק גיט א ציטער דערהערנדיג זיין נאָמען. מיט ציטערנדיגע הענט פאַרשרייבט ער. אָפּט איז זיין נאָמען אויסגערופן געוואָרן. זיינע שטימען וואקסן. און אין הארצן ווערט אלע ווײַלע לייבטער, גלייך ווי א שווערער שטיין וואָלט לאנגזאם זיך אראָפּגעקייקלט. און ער פילט ווי צוצוגיין צו ראָזענען און בלויז זאָגן:

„נו, נביא מיינער, האָסט געטראָפן?"...

פּלוצים אבער האָבן זיך גענומען הערן די אנדערע נעמען, פון די אומגעווינשטע קאנדידאטן. די ציפערן פון „יענע", האָבן זיך אַלץ פאַרגרעסערט און אריבערגעיאָגט דזשעק'ס מיט צענדליגער שטימען. דזשעק האָט אויפגעהערט שרייבן. געפילט האָט ער, ווי די פינגער זיינען אים פאַרגליווערט געוואָרן... ער האָט זיך אויפגעהויבן, אויפגעשטעלט דעם קאָלנער פון ראָק און פאַרלאָזן דעם זאַל.

אינדרויסן האָט נאָך אַלץ געשנייט און גערעגנט און דער פאַרטריבענער געדאַנק האָט זיך אַלץ געשפּאַרט אין זיין מח: „דעם פרילינג פון מיין לעבן אוועקגעגעבן"...

אַ מיאוסער נפש

(אַ טיפּ)

שוין פופצן יאָר ווי מאָטעל איז אַן אפּרייטאָר און — איז געזונט ווי אַ פערד, ער איז געזונט מחמת זיין מח איז טעמפּ, אָנגעפילט מיט שמוציגע געדאַנקען. אַ שטראַל פון מענשלאַכקייט האָט קיין מאָל זיין האַרץ באַרירט, איין עובדה האָט ער געהאַט: אויפשטיין גאַנץ פרי, לויפן אין שאַפּ, חנפ׳ענען דעם באָס, דעם פאָרמאַן און אָנריידן אויף די איבעריקע אַרבעטער. אַז ער פלעגט באַמערקן ווי די אַרבעטער היטן זיך פאַר אים, פלעגט אים אַ שטיק געזונט צוקומען, און געפילט האָט ער זיך עפּעס ווי אַ מלך, מען האָט מורא פאַר אים — פאַר מאָטלען...

די אַרבעטער האָבן ווירקלאַך געציטערט פאַר אים, פיל מער ווי פאַר דעם באָס. זיי האָבן אים צו גוט געקענט און האָבן געוואוסט, דאָס מאָטעל קען מיט זיי טאָן וואָס ער וויל.

מיטאָג-צייט פלעגט מאָטעל אַ געשטרעקטער, מיט אַ ציגאַר אין מויל, די הענט פאַרלייגט אויף הינטן, שפּאַצירן איבער דעם שאַפּ, ווי דער באָס, און אָנשטעלן דאָ און דאָרט זיינע לאַנגע אויערן, אום עפּעס צו כאַפּן וואָס די אַרבעטער ריידן, און ווען די ווערטער „יוניאָן", „סטרייק" האָבן זיך דערטראָגן צו זיינע אויערן, פלעגט ער אַ דערציטערטער שטיין בלייבן, זיינע גרויסע קעלבערנע אויגן האָבן זיך ווי מיט בלוט פאַרגאָסן, און דאַן האָט ער ווי אַ וואָלף אַ ברום געטאָן: „סעי, חצי בעל מלאכה, האַלט דעם פּיסק!" און דער באַטרעפנדער איז רויט און טויט געוואָרן און אונטערווילעכס, ווי אַ פאַראורטיילטער זיך אָפּגעקערט...

אַ שיינע עטלאַכע יאָר האָט זיך מאָטעל אַזוי אַמוזירט, צאַפּנדיג דעם אַרבעטערס בלוט.

אָבער ווען דער גרויסער גענעראַל סטרייק האָט זיך וואָס פאַר אַ טאָג אַלץ מער דערנענטערט, איז מאָטעל אַלץ אומרואיגער גע-

וואָרן, עפּעס אינסטינקטיוו האָט ער געפילט ווי די ענדע פון זיין ממשלה קומט, אבער פאר דעם באָס האָט ער עס נישט ארויסגע-וויזן, נאָר אים געהאלטן אין איין פארזיכערן „אז ביי אונז וועט קיין סטרייק נישט זיין״ און אז די יוניע וויל זיך גאָרנישט באדערן מיט אונז״.

דער באָס, הערנדיק אים אזוי ריידן, האָט זיך געפילט אזוי געטרייסט, אזוי באַרואיגט, אז זיין האנט האָט זיך ווי פון זיך אליין אראָפּגעלאָזט אין קעשענע, אַרויסגעשלעפּט א פינפערל און עס דערלאנגט מאָטלען, זאָגנדיג:

„נאָ א פּרעזענט פאר דיין קינד.

אויף מאָטל׳ס פּנים האָט זיך א נאַרישער שמייכל צעשפּרייט און ער האָט דאָס פינפערל לאנגזאם צו זיך אין פּאַקעט אראָפּ-גערוקט... אָבער ווען דער גרויסער סטרייק האָט אויסגעבראָכן, האָבן די ארבעטער ווי איין מאן דעם שאָפּ פארלאָזן. מאָטל׳ס אלע סטראשונקעס האָבן גאָרנישט געהאָלפן, און נאָך מער, די ארבע-טער האָבן ניט אנדערש געוואָלט, נאָר אז מאָטל זאָל מיטסטרייקן, און מאָטל האָט געמוזט ארונטער...

אַן אומעטיגער איז מאָטל געקומען צו דעם מיטינג. גערעדט האָט ער גאָר נישט און צו קיינעם נישט. שווייגנדיג פלעגט ער זיך אין א ווינקל פארקלייבן, אויפשטעלן דעם קאָלנער ביז צו די אויערן און איינגורען דעם גרויסן אָקסענעם קאָפּ אין ראָק. אזוי פלעגט ער זיצן ווי א ליימענער גולם און שווייגן.

נאָכדעם ווי עטלעכע וואָכן זיינען פאַראיבער און דער באָס האָט דערזען, אז די ארבעטער מיינען טאקע צו געווינען, איז ער ווי א פאר׳סמ׳טער אין דער יוניאָן געלאָפן און געסעטלט. די ארבעטער האָבן זיך מיט פרייד צו דער ארבעט אומגעקערט. מאָטל האָט זיך ווי אַן אבל מיטגעשלעפּט...

אויף דער שוועל פון שאָפּ איז דער באָס געשטאַנען און שמייכלענדיג די ארבעטער באַגעגנט, נאָר ווען ער האָט באַמערקט מאָטלען, האָט ער זיך פון אים אָפּגעקערט, קענטיג ברוגז... מאָט-לען האָט עס אזש אין הארצן א שטאָך געטאָן...

איינגעקאָרטשעט אין דרייען, א בלייכער, א מרה-שחורה׳די-

גער, זיצט מאָטל ביי דער מאַשין. איצט — גאָרניט דער זעלבער מאָטל... אין מוח ביי אים באַוועגט זיך לאַנגזאַם דער פאַרזשאַ־ווערטער ראָד פון געדאַנקען... די קנאַקענדיגע פינפערלעך און די ציגאַרן, דערשיינען אַזוי בולט פאַר זיינע געדאַנקען, — ממש אָנ־צוטאַפּן... און דאָס האַרץ זיינס ציט און פּלאַצט שיער פאַר בענקשאַפט.

אַרבעטער־הײמען

די עלנבויגנס אָנגעשפּאַרט אָן טיש, דעם קאָפּ אין די הענט, א בלײכער, א מרה־שחורה׳דיגער און די האָר צעפּאַטלט, זיצט מאָ־רים און קוקט אין א צײַטונג, עס דאַכט זיך, אַז ער איז זײער פאַר־טיפט אין איר. אין דער אמת׳ן, אבער, האָבן זיך זײנע בליקן אָפּ־געשטעלט אויף א וואָרט, שוין מער ווי א האַלבע שטונדע און ער קען נישט באַגרײפן, וואס דאָס באַדײט, — מחמת זײנע געדאַנקען זײנען ווײט, זײער ווײט פון דער צײַטונג. שנעל, ווי א ראָד, דרײען זיך צעבראָכלטע געדאַנקען אין זײן מח. עס דאַכט זיך אים, אַז זײ וועלן קײנמאָל ניט אויפהערן.

קעגנאיבער זיצט ראָזא, זײן פרוי, און פאַרריכט עפּעס. איר פּנים איז בלײך און אויסגעמאַטערט. די אויגן זײנען רויט פון שטענדיגן װײנען. און קוקן, קוקט זי אויס, ווי א זקנה, — כאָטש זי איז נאָך אַזוי יונג, — אינגאַנצן פינף און צוואַנציג יאָר.

— זאָג נאָר, וועט זיך דער סטרײק אמאָל ענדיגן? — פרעגט זי, נישט אויפהויבנדיג אירע אויגן פון דער אַרבעט.

מאָרים אבער, ווײַזט אויס, איז צו פאַרטיפט אין זײנע גע־דאַנקען און הערט ניט, וואס זײן פרוי פרעגט.

— מאָרים, איך פרעג דאָך דיך עפּעס! — פרעגט זי שוין אביסל העכער.

— הא? — כאַפּט ער זיך אויף ווי פון שלאָף.

— דער בוטשער און דער גראָסערי־מאַן ווילן שוין מער נישט באָרגן. און מאָרגן דאַרף מען צאָלן רענט. וואָס טוט מען? — פרעגט זי ווידער, אוועקלײגנדיג איר אַרבעט, און פאַרלײגנדיג די הענט אויף דער ברוסט.

— עס איז א שווערער, פאַרביסענער קאַמף. — ענטפערט מאָ־רים מיט ווײטאָג. — עס איז א צווײיענדיגער קאַמף: פון אײן זײט שטײען די באַלעבאַטים און, פון דער צווײטער זײט, שטײען אונ־

זערע אייגענע פאַררעטער, וועלכע מיר האָבן אויסגעכאָוועט פון אונזערע בלוטיגע סענטן. זיי העלפן די באַלעבאַטים אַראָפּצודריקן אונזערע אַזוי אויך קלעגלעכע באַדינגונגען!...

ער ווערט פּלוצלינג שרעקלעך און כעס און נעמט שפּאַנען הין און צוריק איבער דעם צימער. מיטאַמאָל שרייט ער אויס: „אָ, פאַררעטער, איר וועט נאָך באַצאָלן פאַר אייער פאַראַט״!...

זי פאָלגט אים נאָך מיט אירע בליקן, טוט אַ שווערן זיפץ און טרערן פליסן פון אירע אויגן.

אויף דער פּלאָר, אַרומגערינגלט מיט פאַרשידענע שפּילעכער, זיצט זייער דריי יעריגער אינגעלע. ער שפּילט זיך אַ ווײַלע, דערנאָך הויבט ער זיך אויף, כאַפּט זיך אָן אין דער מוטערס קלייד, און אויפהויבנדיג זיינע קויל-שוואַרצע אויגעלעך, זאָגט ער: „מאַמע, איך וויל אַן אייעניו״. זיין זאַרגלאָזער קול׳כל צעקלינגט זיך איבער דער שטוב.

— וועסט באַלד קיין ברויט אויך נישט האָבן. — גיט זי אַ זאָג מיט ווייטאָג און ווישט זיך די טרערן פון די אויגן.

אָבער דאָס קינד פאַרשטייט ניט, וואָס די מאַמע מיינט. ווייטער חזר׳ט ער איבער מיט דער זעלבער אומשולדיג שטימעלע: „מאַמע, איך וויל אַן אייעניו״.

— גיי, דערצייל דאָס דיין פּאַפּא. — שטופּט זי אים בייז אָפּ.

סאָפּענדיג און פריייכנדיג, שלעפּט זיך דאָס קינד פון איין בענקל צום צווייטן, ביז עס דערגרייכט דעם פאָטער. און ווען ער איז שוין גאַנץ נאָענט, גיט ער אַ פאַל-צו צו זיינע פיס און צעלאַכט זיך. זיין זילבער געלעכטערל צעקלינגט זיך אין דער לופטן. עס ווערט ווי לעבעדיגער אין הויז:

— פּאַפּע, נעם מיך אויף די הענט. — צעשרייט ער זיך.

דער פאָטער הויבט אים אויף, זעצט אים אויף די קני, טוט אים אַ קוש אין שטערן און גלעטנדיג אים איבער דעם געקרויזטן קעפּעלע, זאָגט ער:

— שאַ, זונעניו, אַז דו וועסט זיין אַ גוד באָי, וועט דער פּאַפּאַ דיר קויפן אַ „האָרסי״. מלא שמחה ווערט דאָס קינד, ער כאַפּט

אים אָן מיט ביידע הענטלעך דאָס פּנים און פרעגט אזוי הארציג:

— יע?

— יעס, מיין קינד. און וואָס וועסטו טאָן מיט דער „האָרסי״?

— וויל ער אים אַלץ מער פארשפּילן.

— איכ׳ל מאכן „געד-אפּ-האָרסי״! — צעשרייט זיך דאָס קינד א גליקלעכער און ווארפט מיט די הענטלעך אין דער לופטן. מיטאמאָל אבער ווערט ער רואיג און בלאָזט אָן די ליפּעלעך. פון די אויגעלעך הויבן אָן טרערן ווי פּערעלעך איבער די בעקעלעך רינען:

— פּאפּא, איך וויל עסן!... — וויינט ער אזוי הארצרייסנדיג, אז דעם פאָטער טוט עס אזש א קלעם ביים הארצן.

— שאַ, זונעניו, אָט גיי איך קויפן. — וויל ער אים בארואיגן און טוליעט אים צערטלעך צום הארצן.

אָבער דאָס קינד רייסט זיך, טופּעט מיט די פיסלעך און שרייט וואָס אמאָל העכער. די מוטער הויבט זיך אויף, נעמט אים צו זיך אויף דער שויס און הוידעט אים הין און צוריק, זינגענדיג: „אָ, אָ, קינדעניו!... דאָס קינד ווערט וואָס אמאָל אַלץ שטילער.

מאָריס, א צעשויבערטער, א נערוועזער, שפּאנט א פארצווייפלטער איבער דער שטוב. וואָס טוט מען? וואָס פאר אן עצה גיט מען זיך? — מורמלען זיינע ליפּן. — אָט בלייבט ער שטיין לעבן פענסטער, קוקט ארויס אינדרויסן, ווי דער הימל איז מיט גרויע שווערע וואָלקנס איינגעהילט, און עס שנייט און רעגנט... א קעלט נעמט דורך יעדער אבר...

— וואָס טוט מען? וואָס פאר אן עצה גיט מען זיך?...

צעבראָכן די פידל

אין אָקטאָבער-טאָג. די זון שטייט הויך אויפ'ן קלאָר-בלויען הימל און ליבלעך וואַרפט זי אירע שטראַלן אין אַלע ריכטונגען. אַלץ אַרום קוקט אויס יום-טובדיג שיין. די בוימער אין די פּאַרקן שטייען האַלב-נאַקעטע, פאַררייסן די קעפּ צום הימל. אויף די צווייגן זעען זיך נאָך אַביסל גאָלדענע בלעטער, וואָס פינקלען אין דער זון. די לופט איז מחיה'דיג זיס, און צווינגט מ'זאָל זי באַוואונדערן.

אויך די אַרבעטער אין די פאַבריקן פילן היינט אַנדערש, ווי אַלע מאָל. די פענסטער זיינען האַלב-אָפן, א צערטלעך ווינטעלע בלאָזט אויף זייערע בלייכע, אויסגעמאַטערטע פּנים'ער. אומבאַמערקט אָטעמען זיי טיף אַריין די זיסע לופט און עס ווירקט אויף זיי ווי א כישוף. אַלע פילן זיי אַזוי ברידערלעך, גוט און צופרידן.

אָבער בערל דער „בעל-חלום", ווי די אַרבעטער האָבן אים א נאָמען געגעבן, איז ווי ניי-אויפגעלעבט. זיינע גרויסע פאַר'חלומ'טע אויגן לעבעדיק צעפינקלט. ער פילט, ווי עפּעס א געהיימע קראַפט ציט אים פון שאַפּ אַרויס. דער געדאַנק צו זיין פריי איצט, נישט מער צו אַרבעטן, מאַכט זיין האַרץ האַסטיגער קלאַפּן. ער פילט, דאָס די סערענאַדע, וועלכע ער פּראַקטיצירט שוין מער ווי א חודש, וואָלט ער איצט אַזוי גוט אויסגעשפּילט, די טענער וואָלטן אַרויס-געקומען אַזוי קלאָר און צערטלעך... און עס צעשפּילט זיך דאָס גאַנצע שטיק אין זיינע געדאַנקען, די זיסע, שטילע טענער גלעטן און צערטלען זיין מוזיקאַלישע נשמה, און ער פילט אַזוי גוט, אַזוי גוט...

מיטאָג-צייט. די אַרבעטער שטייען און שאָקלען זיך הין און הער. קינדערשע שמייכלען צעשפּרייטן זיך אויף זייערע בלייכע מאָגערע געזיכטער. זיי פילן, אַז עפּעס פעלט זיי... אַז עפּעס פאַר-לאַנגען זיי... זיי וואָגן אָבער נישט הויך אַרויסצוזאָגן, נאָר שטיל מורמלען זיי איינער צום צווייטן: — עפּעס גלוסט זיך היינט נישט צו אַרבעטן. מ'וואָלט באַדאַרפט סטאַפּן א האַלבן טאָג... אָבער —

זיי בלייבןביים זאָגן. אַזוי שנעל, ווי די מיטאָג-שטונדע איז פאַר-איבער, זעצן זיי זיך ווידער שקלאַפן פאַר די רייכע.

נאָר בערל האָט נישט געקענטביישטיין דעם נסיון, ער האָט זיך שטיל פון שאַפּ ארויסגע׳גנב׳עט, און אין גאַס האָט ער האסטיג גענומען לויפן, גלייך ווי עמיצער וואָלט אים נאָכגעלאָפן...

אַ שווייס-באַגאָסענער, אַ מידער, איז בערל אהיים געקומען. אין הויז האָט ער קיינעם נישט געטראָפן. אַלץ ארום איז געווען ריין און אויפגערוימט. אין קיך אויף דעם אויוון האָט זיך לאַנג-זאם דער „סאַפּער" געקאָכט, דאָס זשומען פון טשייניק האָט זיך אין טענער פאַרוואַנדלט און זיך צו בערל׳ס אויערן געטראָגן...

בערל האָט האסטיג דעם ראָק און הוט אויסגעטאָן און אין פראָנט-צימער אריין. די שטוב איז אין זונען-שטראַלן איינגעהילט געווען. ער איז צוגעגאַנגען צו די פענסטער און זיי ברייט פאַנאַנ-דערגעעפנט. ער האָט זיך אוועקגעזעצט אַ ווײַלע און זיך פאַר-קלערט. אַ מינוט שפּעטער האָט ער פאַר׳חלומ׳ט דאָס פידל פון באַקס ארויסגענומען, אים געטאָנט. די אויגן האָבן זיך ווי איינ-געגעסן אין דער בלעטל נאָטן, וואָס איז געשטאַנען אנטקעגן אים. אָנשפּאַרנדיג די פידל ליבלעך צו דער ברוסט, האָט ער גענומען אָנפילן דאָס צימער מיט שטילע צערטלעכע געזאַנגען, און ווי כוואַ-ליעס, האָבן זיך די טענער געגאָסן...

בערל האָט זיך פאַרגעסן. די פינגער האָבן ווי פון זיך אליין געטאַנצט און געשפּרונגען אויף די סטרונעס, און געדאַכט האָט זיך אים, אַז ער שוועבט אַלץ העכער און העכער אין דער לופטן. און פון ווייט, זייער ווייט, הערט זיך זיסע, אַנגענעמע מוזיק... און ער האָט זיי ווי איינגעאָטעמט...

אומבאַמערקט איז דער טאָג פאַרשוואונדן. דאָס הויז-געזונט האָט איינציגווייז אָנגעהויבן פון דער ארבעט צו קומען. דער פּאָ-טער איז דער ערשטער אהיים געקומען, אַ בלייכער, מיט פאַרדאַרטע ליפּן, דער רוקן איינגעבויגן, און די פּיס האָבן זיך ווי קלעצער נאָכ-געשלעפּט. קרעכצנדיג האָט ער זיך אין פראָנט-רום לעבן טיש געזעצט.

— בערל, איך בעט דיך, הער אויף צו שפּילן, איך קען עס

איצט נישט פארטראָגן, — האָט ער מיט א שוואך קול ארויסגע-קרעכצט.

אָבער בערל האָט נישט געהערט, צופיל איז ער אינ׳ם שפילן פארטיפט געווען.

— בערל, גענוג! מיר גרילצט אין די אויערן! הערסט? — האָט דער פאָטער מיט כעס אויסגעשריען.

אָבער בערל האָט ווייטער נישט געהערט, זיין קערפער האָט זיך נישט אויפגעהערט וויגן הין און צוריק, ווי אין דער לופטן...

דער פאָטער איז ווילד געוואָרן פאר אויפרעגונג און נערוועז-קייט. ער האָט האסטיג דעם פידל פון בערל׳ס הענט ארויסגעריסן און זי א שליידער געטאָן צום פלאָר:

— נא! וועסטו שוין הערן, וואָס מ׳רעדט צו דיר! — האָט ער שווער-אָטעמדיג ארויסגעקרעכצט...

בערל האָט זיך א צאפל געטאָן, ווי ער וואָלט פון הימל אויף דער ערד אראָפגעפאלן. א ווײַלע איז ער געשטאַנען ווי צעטומלט, נישט געקענט באנעמען, וואס דאָ איז געשען, נאָר באמערקנדיג די שטיקלעך פון פידל, האָט ער זיך ווי פון שלאָף אויפגעכאפט. זיין פנים איז פּלוצים פארענדערט געוואָרן, זיינע אויגן האבן ווילד ארויסגעסטארטשעט, און ווי א קינד זיך א וואָרף געגעבן אויף דעם פלאָר און הארצרייסנד אָנגעהויבן קלאָגן:

— טאטע, זע, וואָס דו האָסט געטאָן... — האָט ער נישט אויפ-געהערט קלאָגן.

דעם קאָפּ טיף איינגעגראָבן אין די הענט, איז דער פאָטער געבליבן זיצן ווי פארגליווערט. א ביטערע חרטה האָט נישט אויפ-געהערט צו טאטשען זיין נשמה — „ווי שווער עס איז אים אָנגע-קומען, ביז ער האָט געקויפט די פידל” — האָט אים נישט אויפ-געהערט פּלאָגן דער געדאנק.

בערל האָט געפילט, וואס עס קומט פאָר ביי זיין פאָטער אין הארצן, דארום האָט ער ווייטער גאָרנישט גיט געפרעגט, נאָר פינ-סטער געקוקט אויף די פארבליבענע שטיקלעך פון פידל, און א פלוך האָט זיך ארויסגעריסן פון זיין הארצן אויף דער היינטיגער אָרדנונג, וועלכע פארוואנדלט מענטשן אין שקלאַפן און רויבט ביי זיי אוועק די בעסטע געפילן...

פאָטער און קינד

אַ לעבעדיגע, אַ פריילעכע שטייט ראָזא פאַר דעם שפּיגל און באַטראַכט איר אָנגעטאָנעם, רונד געזיכט. שטייענדיג מאַכט זי פאַרשידענע חנ׳דעלעך, וועלכע קומען אַרויס אַזוי צערטלעך, דאָס זי דערפילט ווי עפּעס אַ לאַשטשנדיגע זאַך וואָלט איר קערפּער דורכגעגאַנגען. זי פילט אַזוי גוט און, זייענדיג צופרידן מיט זיך אַליין לאָזט זי אַלע ווײַלע אַרויס אַ טרעל ווי אַ פייגעלע און עס צעגיסט זיך איר קלינגענדיג שטימעלע און פילט אָן מיט פריילעכקייט דאָס צימער.

און דער אַלטער ר׳ דוד זיצט און קען די אויגן ניט אָפּרייסן פון איר. אַ יעדער קער, אַ יעדע באַוועגונג, וואָס זי טוט, מאַכט אים פילן אַזוי גוט, אַזוי שטאָלץ.

— דאָס איז דאָך מיין טעכטערל — שמייכלט אים דער געדאַנק און אויף זיין לאַנג, אויסגעצערט פּנים צעשפּרייט זיך אַ גליקלעכער שמייכל, — מיין קינד!...

אָבער פּלוצים דערמאָנט ער זיך עפּעס און אין האַרצן פאַנגט אים אָן ווערן אַזוי שווער, אַזוי אומדערטרעגלעך שווער. — „אַזאַ געראָטן קינד" — מורמלט ער מיט באַדויערן, באַטראַכטנדיג ראָזא׳ס גראַציעזע פיגור. ער פאַרבייסט די ליפּן, בלייבט זיצן אַ ווײַלע ווי פאַרשטיינערט, אָבער באַלד גיט ער שטרענג אַ רוף אויס:

— ראָזא, קום נאָר אַהער, איך וויל עפּעס ריידן מיט דיר.

— אָ, לאָז מיך צופרידן! — ענטפערט זי שנעל אָפּ, נישט אָפּקערנדיג זיך פון שפּיגל.

דער פאָטער בלייבט זיצן ווי חוזק, אָן איבערראַשטער באַטראַכט ער איר, און, צוזאַמענלייגענדיג די הענט אויף דער ברוסט, בייזערט ער זיך אַזוי שטיל ווי צו זיך:

— מוזט דאָך אַמאָל זיך צוהערן וואָס אַן אייגענער טאַטע האָט דיר צו זאָגן: מוזט דאָך פאַרשטיין, אַז איך מיין נאָר דיין

טובה. — געזאָגט האָט ער דאָס אין אַזאַ האַרצרייסנדן טאָן, אַז ראָזאַ'ן האָט מאָדנע א קלעם-געטאָן ביים האַרצן.

— טאַטעניו! — האָט זיך ליבלאַך א מורמל געטאָן, און צו-לויפנדיג האָט זי אים מיט ביידע הענט ארומגענומען און אים האַרציג געקושט. — טאַטעניו, איך האָב דיך אַזוי ליב...

— נחת מיינער, — האָט דער פאָטער צופרידן געשעפּטשעט און געגלעט איר די בלאָנדע זיידענע האָר פון קאָפּ.

— וואָס ווילסטו מיר זאָגן, פּאַפּאַ? — האָט ראָזאַ א פאַר-טראַכטע געפרעגט.

— אָט אַזוי, אָט אַזוי רעדסטו ווי א מענטש! — האָט דער אַלטער א צופרידענער געשאָקלט מיט זיין גרויען קאָפּ. זיך פאַר-קלערט א מינוט, זיך געריבן דעם שטערן, געמאַכט פאַרשידענע גרי-מאַסן מיט זיין געל צעקאָרטשעט פּנים. דערנאָך האָט ער זיך צו-גערוקט נענטער צו ראָזאַ'ן, און נישט אויפהויבנדיג די אויגן האָט ער שטיל, ווי פאַר זיך, אָנגעפאַנגען:

— הער וואָס איך וויל דיר זאָגן, קינד מיינס! דו ווייסט דאָך, אַז דו ביזט דאָס איינציגע קינד, מיט וועלכן איך שטאָלציר. איך האָב זיך איינפאַך מקריב געווען, אום דיר צו געבן א בילדונג. איך האָב דיך אויסגעהאַלטן אין סקול, דיך געלאָזט שטודירן. וואָרום האָב איך דאָס אַלעס געטאָן? ווייל איך האָב געוואָלט האָבן נחת פון מיין מוזינקע. ער האָט לאַנגזאַם אויפגעהויבן זיינע אויגן און אַזוי האַרצרייסנד געפרעגט: — נו, האָב איך עס דערלעבט?

און די לעבעדיגע, פריילעכע ראָזאַ איז געבליבן זיצן ווי פאַר-שטיינערט. זי האָט באַלד פאַרשטאַנען, וואָס דער טאַטע מיינט מיט זיינע רייד, ווייל שוין פון לאַנג האָט זי באַמערקט, אַז ער איז אומ-צופרידן, וואָס זי ווערט וואָס אַמאָל מער אינטים מיט אירווינג'ן. מיט איר אירווינג'ן, וועמען זי ליבט און פאַרגעטערט אַזוי, זי ווייסט, אַז נעגן אים פערזענלאַך האָט דער פאָטער גאָר נישט; פאַר-קערט, נישט איינמאָל האָט ער זיך אויסגעדריקט, ווי קלוג און גע-בילדעט אירווינג איז; נאָר איין חסרון האָט ער, ער איז אַן אַפּ-רייטאָר... און ראָזאַ האָט זיך פאַרטראַכט און אין מח האָבן זיך גע-נומען מישן פאַרשידענע געדאַנקען, דאָס האַרץ האָט אַזוי געדריקט,

אזוי ווי געטאָן... „און אז אן אפּריטאָר, איז וואס?" — האָט זי נישט אויפגעהערט זיך פרעגן.

זי האָט זיך אויפגעשטעלט און אָנשפּארנדיג זיך אָן דער פּיאנא האָט זי נאאיוו, ווי א קינד, געענטפערט:

— איך וויים, וואס דו ווילסט זאָגן: איך זאָל אויפהערן גיין מיט אווראווינג'ן — ניט אמת?!

— יעס, יעס, מיין קינד! — האָט זיך דער פּאָטער אָנגע־כאפּט — וואס טויג דיר זיך לייגן מיט א געזונטן קאָפּ אין א קראנ־קען בעט אריין? וואס טויג דיר אן אפּריטאָר וואָס?

— איך האָב דאָך אים אזוי ליב! — האָט זי זיך היסטעריש צעוויינט. דער פּאָטער האָט זיך אָפּגעשטעלט, איר גענומען בארו־איגן, איר טרייסטן.

— שאַ, שאַ, קינד מיינס! וועסט זען ווי איך האָב רעכט, וועסט זען... און ווען זי האָט זיך אביסל באַרואיגט, האָט ער לאנג־זאם דאָס צימער פארלאָזן.

א פּארקלערטע, א בלאסע איז ראָזא געבליבן זיצן ביי דער פּיאנא, נאָך אלץ געשלוכצט און זיך געווישט די אויגן, דערנאָך האָט זי געמאכט א פּרווו צו שפּילן עפּעס, אום זיך צו צעשטרייען. אָבער זי האָט ניט געקענט, ווי א געהיימע קראפט וואָלט איר ניט לאָזן. זי איז געזעסן און מיט שטארע בליקן באקוקט דאָס צימער אויף אלע זייטן, ווי א שטייגער זי וואָלט עס דאָס ערשטע מאָל גע־זען. אירע בליקן האבן געבלאָנדזשעט פון איין פּלאַץ צום צווייטן. אָט שטעלן זיי זיך אָפּ אויף אירע צוויי דיפּלאָמאס, וועלכע הענגען ווי עדות... זי באטראכט זיי א ווײַלע און א ווײַ־מוטיגער שמייכל צעשפּרייט זיך אויף אירע ציטערנדע ליפּן. „נארישקייטן!" — מורמלט זי אזוי שנעל ארוים. זי הויבט זיך לאנגזאם אויף, גייט צו צום ביכער שראנק, נעמט פון דאָרט ארוים א בריף, פארטיפט זיך א רגע, דאן הויבט זי אָן הויך צו לעזן:

„א פייגעלע אויף מיין פענסטער,
זינגט „טייערסטע" דעם גאנצן טאָג לאנג,
„טייערסטע, טייערסטע, טייערסטע"
איז זיין איינציגער געזאנג..."

זי באַדעקט דעם בריוו מיט זיידיגע קושן. טוליעט אים לײדנ־שאַפטלאַך צום האַרצן. — ווי ליב איך האָב דיר, ווי ליב!...

פּלוצים עפנט זיך פּאַמעלעך די טיר, און אוירווינג באַווייזט זיך. זיין אנגענעם־בלייך פּנים האָט זיך ערטערווייז גערויטלט און אויף דעם שטערן האָבן זיך גרויסע טראָפּן שווייס געזען.

— העלאָ, ראָזא! זיך פאַרשפּעטיגט אביסל, נישט אמת? — האָט ער דאָרט געפרעגט.

זי איז געבליבן שטיין ווי פאַרגליווערט און איבערראַשט אָנ־געשטעלט אירע גרויסע ליכטיגע אויגן אויף אים. אבער באַלד האָט זי זיך א וואָרף געטאָן אויף זיין האַלז און זיך האַרצרייסנד צעוויינט.

— אוירווינג, אוירווינג!... — האָט זי נישט אויפגעהערט צו כליפּען.

— וואָס איז געשען? — האָט ער צעשראָקן געפרעגט און צערטלעך געווישט איר די טרערן פון די אויגן.

שלוכצנדיג האָט זי אים אלעם דערציילט, וואָס צווישן איר און איר פאָטער איז פאָרגעקומען.

א טרויערדיגער, דעם קאָפּ געבויגן צום פלאָר, איז אוירווינג געבליבן זיצן און גאָר נישט געענטפערט. נאָר די ליפּן האָבן מיט ווייטאָג געשעפּטשעט:

— אָן אפרייטאָר, אָן אפרייטאָר...

מאָריס

עס איז געווען א טריבער פרימאָרגן, א דריבנער רעגענדל האָט זיך געזיפּט פון בלייענעם הימל. איך בין געזעסן ביים פענצטער און אָנגעשטרענגט ארויסגעקוקט אין דעם נעפּלדיגן דרויסן. די מענטשן אונטן האָבן געאיילט אין די היימען, נאָר איך האָב מיט די אויגן געגנישטערט, געוואָלט מיין געליבטן דערקענען, מיין מאָריס׳ן.

מיין טאַטע איז געזעסן אנטקעגן און מיך מיט די אויגן גע-שטאָכן, און נישט אויפגעהערט ערגערן: „ווילסט נישט אנדערש נאָר פאראומערט ווערן דיין גאנצן לעבן" — האָט ער נישט אויפ-געהערט זיך בייזערן.

איך, יונג און פארליבט, האָב מיט טרערן אין די אויגן אזוי רירנד געטענה׳ט צו מיין אלטן טאַטן.

— דו האָסט דאָך מיך אליין צוגערעדט צו אים, האָסט דאָך אליץ גע׳טענה׳ט, אז ער איז א טייער קלוג קינד. האָב איך זיך נענ-טער מיט אים באקאנט, און זיך אין אים פארליבט. טאָ וואו איז מיין פארברעכן?

מיין טאַטע האָט געביסן זיין שפּיץ באָרד און גערעדט אזוי פול מיט ווייטאָג.

— איך האָב געמיינט ער וועט זיין א לייט, ווערן א ביזנעסמאַן, זיך ארויפארבעטן. צום סוף איז ער גאָר פארקאָכט אין דעם סטרייק, רעדט פון רעוואָלוציע, און לאכט זיך אויס פון רייכטום...

עס איז געווען אין 1913. דער שניידער-סטרייק האָט זיך צע-פלאקערט. און מיין מאָריס, דער שווארצער לעבעדיגער יונג, האָט זיך ארייגגעוואָרפן אין דעם פלאקער, געקראָכן אין סאַמע ברען און געפילט זיך ווי א פיש אין וואסער.

איך, זייענדיג אומוויסנד, ניט קלאסן-באוואוסט, אָנגעזאפט מיט די למודים פון די אמעריקאנישע שולן, האָב זיך געפילט גע-קריוודעט, געווען שרעקלעך אין כעס אויף אים, אבער צו דערזעל-

בער צייט איז מיין הארץ אויסגעגאנגען נאָך בענקשאַפט. גע־בענקט נאָך זיין צארטן באנעמען זיך צו מיר, געבענקט נאָך זיינע זיסע לידער, וועלכע ער פלעגט אזוי פאר׳חלומ׳ט ארויסשעפּטשען...

זיצנדיג אזוי פארקלערט, הער איך פּלוצלונג א וויכן קלאַפּ אין טיר.

— קאָם אין — רוף איך שנעל אויס, און מוח טוט א בליץ א האָפנונג — „אפשר מיין מאָריס" — און געטראָפן. מאָריס באַ־וויזט זיך. אים איז אָבער נישט צו דערקענען. דער פּנים זיינער איז אָפּגעצערט. א פארטריקנטע וואונד אויפ׳ן שטערן. דאָס אָנטאָן פארנאכלעסיגט, גאָר נישט אזוי עלעגאנט ווי געווען, נאָר אין זיינע שווארצע אויגן האָט נאָך אלץ געגלאנצט און געפינקלט. איך האָב זיך געגעבן א לאָז צו אים, איינגעקלאמערט אים מיט מיינע בײדע הענט. כ׳האָב ארויפגעקוקט צו אים מיט טרערן־פולע אויגן און שלוכצענדיג געפרעגט:

— מאָריסל, וואו ביזטו געווען אזא לאנגע צייט? — נאָך האָב איך געוואָלט פרעגן, נאָר די ווערטער האָבן זיך פאר־שטיקט אין האלז. איז ער געשטאנען און צארט געגלעט מיינע האָר. ער האָט זיך צוגעזעצט, געקלערט א ווײלע, און קוקנדיק מיר גלייך אין די אויגן, האָט ער פאר׳חלומ׳ט גערעדט:

— ווי אזוי דערקלערט מען עס אזוי, אז דו זאָלסט עס קלאָר פארשטיין? אזוי קלאָר, אז קיין צווייפל זאָל ביי דיר נישט פאר־בלייבן? עס גייט אָן א ביטערער קאמף איצט אין אונזער פאָך צווישן די באַלעבאַטים און דער יוניאָן. אונזערע פאָדערונגען זיי־נען גערעכטע, און איך, פילנדיג אז זיי זיינען גערעכטע, בין איך פארטיג צו קעמפן ביז מיר וועלן זיגן. בין איך אין די ערשטע רייען פון דער פּיקעט קאָמיטע. האבן מיר אָרגאניזירט א שאָפּ, איינעם פון די פארביסנסטע. איז אָנגעגאנגען א ביטערער קאמף, בין איך צעשלאָגן געוואָרן און שפּעטער האָט מען מיך ארעסטירט. ווען איך בין געקומען פאר דעם ריכטער, האָט ער מיך נאָך באשטראָפט מיט דרייסיג טעג פּריזאָן — אלץ דערפאר וויל שניידער ווילן אויך מענשלעכע באדינגונגען... היינט האָט מען מיך באפרייט און איך בין גלייך צו דיר געקומען...

איך האָב נישט אָנגעפאנגען פארשטיין א וואָרט וואס ער האָט נערעדט. עפּעס האָט מיר אויסגעוויזן אזוי לעכערלעך זיין האנד-לונג. אינסטינקטיוו אָבער האָב איך געפילט באפרידינגט, ווייל איך האָב ליב געהאט צו הערן דעם קלאנג פון זיין שפּראך... מיין טאטע, הערענדיג דאָס, האָט זיך געגעבן א כאפּ-אויף אויסער זיך פון צאָרן, צוגעלאָפן צו אים און א דונער געטאָן מיט זיין באסאָווער שטים:

— דו פּוסט-און-פּאסניק, דו טראָבל-מאכער, דו ווילסט מיין קינד אומגליקלעך מאכן! ארויס פון דאנען, און קיינמאָל זאָלסטו מיין שוועל ניט איבערטרעטן...

דאָס אלעס האָט פּאסירט אזוי פּלוצלונג, אז איידער איך האָב צייט געהאט קומען צו זיך איז דאָס איינציגע, וואָס איך האָב פאר-מאָגט און געליבט, געווען פארשוואונדן.

זיך געפונען

א לאנגע צייט האָב איך געגלויבט, אז עוועניו „בי“ איז די שענסטע גאס אין דער גאנצער וועלט. די אונטן זיינען געווען אזוינע אנגענעמע, אזוינע פריילעכע, העל-באלויכטן פון די דער־בייאיגע געשעפטן, פלעגט מען שפּאצירן אויף און אָפּ. עס האָט געשפּרודלט מיט יוגנט. געארעמט פלעגן יונגע פארליבטע פּאַר־לאך זיך איילן צום זיבעטע סטריט פּארק, און דאָרטן פארשלונגען ווערן...

איך פלעג אויך אָפּט דאָרט שפּאצירן מיט מיין מאָריס'ן פאר־חלומ'ט געבלאָנדזשעט צום פּארק. פאר מיר האָט זיך עוועניו „בי“ געענדיגט ביי דער זיבעטער סטריט, ווייל דאָרטן איז שוין געווען טונקעלער, מענטשן ווינציגער, און דער פּארק האָט פון דערווייטענס אויסגעקוקט ווי א מיסטיש וועלדל. די אלטע, גערדיכטע בוימער האָבן ווי געלאָקט, געצויגן צו זיך...

עס איז געווען ערב די שטאָט-וואלן. אויף איין ראָג פון עוועניו „בי“ האָבן געליארעמט פארשידענע פּאָליטישנס פון פאר־שידענע פּארטייען. יעדער פּאָליטישן האָט צוגעזאָגט די ביר־גער דאָס טעלערל פון הימל.

איך האָב געשפּאצירט איינע אליין אן אנטוישטע, מיט די אויגן צו דער ערד געריכטעט. עס האָט זיך מיר כסדר אויסגע־וויזן, אז אלע פארבייגייער דערקענען אין מיר, אז איך האָב ניט מער קיין געליבטן, מיין מאָריס'ן...

אין דער האנט האָב איך געטראָגן א סאָציאליסטישן העפט, וואָס מאָרים האָט מיר געגעבן צו לייענען. געהייסן האָט עס „מערי ענגלאנד“ פון לא-פראג. איך האָב עס עטלעכע מאָל פּרו־בירט לייענען, אָבער די טרוקענע ציפערן האָבן נישט אַפּעלירט צו מיר. איך האָב ליב געהאט צו לייענען די „עצות פאר פאר־ליבטע פון ביטרים פעירפעקס“ אין „דזשוירנאל“. איך האָב פאר־

שלונגען א וועלט מיט שונד-ביכלעך, אבער א סאָציאַליסטיש ביכל האָב איך ניט געקאָנט פאַרדייען, ווייל עס איז נישט געווען אמע-ריקאַניש.

דאָס מאָל האָב איך בכיון געטראָגן „מערי ענגלאַנד". איך האָב געהאָפט, אז איך וועל זיך באַגעגענען מיט מאָריס'ן און ער וועט זיך פילן גליקלעך, זעענדיג מיך האלטן דאָס ביכל...

אויף יעדן ראָג האָב איך זיך אָפּגעשטעלט, זיך צוגעהערט א ווײַלע צו די „ספּיטשעס". אָט שטייט א איד מיט א לאַנגער באָרד, מיט א יאַרמעלקע אויף דעם קאָפּ, פאַרגלאָצט די אויגן צום הימל, פּרעדיגט ער סאָציאַליזם.

— קאַרל מאַרקס האָט געזאָגט — שרייט דער איד פון פּלאַט-פאָרמע — אז רעליגיע איז א פּריוואַטע זאַך, אז יעדער אַרבעטער, איד אָדער קריסט, קען דינען זיין גאָט און דאָך זיין א סאָציאַליסט. דעריבער פאַרגעסט ניט צו שטימען פאַר מאיר לאָנדאָן.

איך בין אוועקגעגאַנגען א צעטומלטע, נישט געוואוסט אויף וואָס פאַר א וועלט איך בין. געגלויבט האָב איך, אז איך ווייס שוין עפּעס וועגן סאָציאַליזם, ווייל מאָריס איז געווען א הייסער סאָציאַ-ליסט און ער פלעגט רק מיך אויפקלערן — „רעליגיע איז אָפּיום פאַר דעם אַרבעטער און וואָס שנעלער דער אַרבעטער וועט זיך באַפרייען פון אָט דעם אָפּיום, ווי רעליגיע, ראַסן האַס, אַלץ שנע-לער וועט קומען די סאָציאַלע רעוואָלוציע און באַפרייען די מענטש-הייט פון לוין-שקלאַפעריי און פון קאַפּיטאַליזם..."

איך גיי ווייטער און טראַכט. מיין טאַטע האָט זיך אויך דער-קלערט אלס סאָציאַליסט. דאָס יאָר, זאָגט ער, וועט ער שטימען א „סטרייט סאָשעליסט טיקעט", מען דאַרף זיי אויך אַמאָל געבן א שאָו — טענה'ט ער — אָרימע חברה נעבאַך. זיי בעטן זיך נעבאַך שוין אזוי פיל יאָרן... אבער מיין געליבטן מאָריס'ן האָט ער פאַר-יאָגט פון מיר, ווייל ער וויל זיך נישט אַרויפאַרבעטן...

גייענדיג אזוי פאַרקלערט, האָב איך פאַרבלאָנדזשעט אין דער זיבעטער סטריט לעבן פּאַרק. אויך דאָרטן שטייט א מענגע מענטשן צוגעטוליעט איינער צום צווייטן מיט פאַרריסענע קעפּ און אָפענע מיילער. פון דער פּלאַטפאָרמע טראָגט זיך די זאַפטיגע, האַרציגע

שטימע פון מיין מאָריס׳ן. ער שטייט א צעכראסטעטער אויף דער פּלאַטפאָרמע, מיט הענט צעשפּרייט, די אויגן איינגעגעסן אין דעם חושך פון די בוימער. ער מאָלט א בילד פון סאָציאַליזם, וואָס וועט הערשן איבער דער וועלט: עס וועלן מער ניט זיין קיין עקספּלואַ-טאַטאָרס; מענטשן וועלן מער ניט קלייבן פּאַרמעגנס פון יענעמס שווייס און בלוט... „ארבעטער, — שרייט ער אויס — איר האָט גאָר נישט צו פאַרלירן א חוץ אייערע קייטן, אבער איר האָט א וועלט צו געווינען.“

איך בין געשטאַנען א פאַרגאַפּטע, געשלונגען זיין יעדן וואָרט און עפּעס האָב איך אלץ אזוי קלאָר פאַרשטאַנען... ביי זיך אין הארצן האָב איך פּלוצלונג דערפילט, אז אן ענדערונג איז געקומען איבער מיר — א נייעם גאָט האָב איך געפונען.

דורכגעפאַלן

מר. זעליג האָט זיך ארויפגעארבעט. ער האָט א שניידער-שאפ אויף בראָדוויי, פלאַגט זיינע ארבעטער, און דיינקט, אז ער איז זייער א קלוגער מענטש.

איינמאָל, א פרימאָרגן, ווען ער זיצט אזוי בא זיין דעסק, א פארטראכטער, נעמט קלינגען דער טעלעפאָן. ער גיט זיך א כאפ ווי פון שלאָף, נעמט דאָס טעלעפאָן-טרייבל: העלאָ! יעס... ווער, ווער רעדט דאָס?... אָ! האו-דו-יו-דו... שוין לאנג נישט געהערט פון דיר... יעס, עני טיים פאר דיר... איך פיר דאָס באלד דורך... קענסט זיך פארלאָזן אויף מיר... אָבער געדיינק, איך מוז אים האָבן צוריק.

ער גיט זיך האסטיג א הויב-אויף, שטעלט זיך אוועק ביים אריינגאנג פון שאפ און רופט הויך אויס:

— מאקס!

מאקס, דער פאָרמאן, קומט שנעל צולויפן, פרעגט איילנדיג:

— וואָס ווילט איר?

דער באָס קוקט זיך פאָרזיכטיג ארום, נעמט שטיל שעפטשען:

— הער זיך איין, מאקס, איך האב ערשט גערעדט מיט דעם מענעדזשער פון דער יוניאָן. ער פארלאנגט א טובה.

מאקס, נייגעריג:

— וואָס איז די טובה?

— דזשעק, דער לינקער, טוט אים אין טויט אריין ביי די מיטינגען. ער מוז אים „טעימען", פארשטייסט? ער מוז אים אָנלערנען. פארלאנגט ער, אז מיר זאָלן אים אוועקשיקן פון דער ארבעט, — ענטפערט דער באָס א פרייל‌אכער.

מאקס, דער פאָרמאן, בלייבט שטיין אן איבערראשטער:

— יעצט, אינמיטן סעזאָן? איר ווייסט דאָך, ווי שווער עס איז צו קריגן אזא באַלעמלאָכע ווי דזשעק.

דער באָס קלאפט אים וואויל-יונגעריש אין פלייצע:

— פארשטייסט נאָך אלץ ניט? דאָס איז בלויז א „סקים“. פארשטייסט, ער וועט אים אונז צוריקשיקן, נאָר עס דארף הייסן, אז דורך דעם כח פון דער יוניאָן... מיר וועלן אים אוועקשיקן, וועט ער לויפן אין דער יוניאָן מיט א גוואלד, קאָמפליינען צום מע-נעדזשער, וועט מיך דער מענעדזשער אָפּרופן אין זיין געגנווארט, מיר געבן א שטארקן ארגומענט, אזוי, אז ער זאל הערן... צום סוף מיר סטראשען, אז אויב איך וועל אים נישט צוריקנעמען, וועט ער מיר אָפּסטאָפּן דעם שאָפּ... פארשטייסט? — האָט ער זיך א צע-פרידענער הויך צעלאכט.

מאקס איז געשטאנען א פארלוירענער, קענטיג נישט געהאט דעם מוט צו מאכן אויף דזשעקן אזא דזשאב. ער פילט, אז ער איז דזשעק'ן עפעס שולדיג. אָט דער דזשעק האָט אים געלערנט דעם פאך, אים ארויסגעהאָלפן, ווען ער איז געווען אין א שלעכטער לאגע. אבער דער שקלאף אין אים פארטרייבט שנעל אָט-די פלוצ-ליגע מחשבות, ער פרעגט בלויז, א פארלוירענער:

— יעס, אָבער ווי אזוי שיקט מען אים אוועק?

דער באָס לאכט מעשה חכם:

— נאָר איינער, גאנץ פשוט. הויב אויף א ראָק, באטראכט אים כלומר'שט, געפין א חסרון... רוף אים צו, זאָג אים, אז אזא ארבעט קענסטו נישט „יוז'ן“... וועט ער דאָך דיר געבן אן ארגו-מענט... דעמאָלט רוף מיך אריין. איך וועל שוין מאכן דעם פיני-שינג-טאָטש... כאַ-כאַ-כאַ, פארשטייסט?

מיטאָג-צייט אין שאָפּ, לעבן וואנט ציט זיך א רייע ניי-מאשי-נען. ארום די מאשינען ליגט אָנגעווארפן רויע ארבעט. אינמיטן שאָפּ, לעבן א לאנגן טיש, אָנגעשפּארט, שטייט דזשעק דער לינקער, א הויכער, בלאסער יונגערמאן, מיט אויגן ניכטערע, לעבעדיגע, מיט ארבל פארקאטשעטע. ארום אים שטייען כמעט אלע ארבעטער פון שאָפּ און מ'שמועסט.

איציג דער רויטער, אָנווייזנדיג אויף עטלאכע פארטיגע רעק אויף דעם טיש, מורמלט שטיל:

— זעסט, דזשעק, דאָס איז פאר אונזערע באַאמטע... קענסט זעען זייערע נעמען אויף די „טיקעטס“.

דזשעק ענטפערט ערנסט:

— איך גלויב דיר, איציק. דערפאר האָט מען דאָך אונז היינטיגן פרימאָרגן אזוי געטריבן, ווי די חיות. מיר מוזן דאָך באַצאָלן דערפאר...

אַלע שאָקלען צו מיט די קעפּ.

שמואל דער פרעסער רוקט זיך צו גאַנץ נאָענט צו דזשעק׳ן, קוקט זיך פאָרזיכטיג ארום אין אַלע זייטן, און שעפּטשעט שטיל ארוים:

— האָסט רעכט, דזשעק. איך זאָג דיר, עס איז ניט אויסצו-האַלטן פון דער יאָגעניש... איך פיל נאָך א טאָג ארבעט, אז איך פאַל פּשוט פון די פיס... אבער עס אַרט זיי עפּעס, אונזערע פירער? זיי ווערן פעט און געזונט. און מיר? נאָר גיב זיי טעקסעס, רייז זיי די דיוס... אָ, אַ אומגליק איז אויסגעגאַנגען אויף אונז.

— אַלץ אונזער שולד, — ענטפערט דזשעק מיט איינגעהאַל-טענעם כעס, — אָט די שטענדיגע מורא, און וועלכער די פאר-פירער האָבן אונז דערצויגן. (ווענדנדיג זיך צו אַלע ארבעטער פון שאָפּ) וואס איז דאָ וואָס מורא צו האָבן? איך פרעג אייך. קען נאָך זיין ערגער, ווי עס איז? מיר ארבעטן שווער און אונזערע פאמיליעס האָבן נישט אויף ברויט. פּאַרוואָסזשע נישט אוועק-ווארפן די מורא און איינמאָל פאר אַלעמאָל אויסגלייכן דעם רוקן, אויפהויבן דעם קאָפּ און פאָדערן פון אונזערע באַאמטע, וועלכע האָבן שוין פארגעסן, וואָס ארבעט מיינט; פאָדערן א יוניאָן, וואָס זאָל פארבעסערן אונזער לאַגע אנשטאָט צו פארערגערן, און אויב זיי קענען גאָר נישט טאָן פאר אונז, דאַן זאָלן זיי גיין פון אונזער אָרגאַניזאַציע.

עס הערט זיך א פייף פון דעם טשערמאַן. די מיטאָג-שטונדע איז אריבער. די מאַשינען נעמען רוישן. יעדער איילט זיך צו זיין מאַשין און פארטיפט זיך אין דער ארבעט.

מאַקס דער פאָרמאַן דרייט זיך הין און צוריק איבער דעם שאָפּ, גיט אַלע ווײַלע א זייטיגן בליק אויף דזשעק׳ן, כאַפּט א קוק

אויף דעם זייגער. ער הויבט פּלוצים אויף א ראָק, שפּארט זיך אָן אָן טיש פון מיטן שאָפּ, באטראכט אים פון אלע זייטן. מיט אמאָל ווערט ער רויט ווי א בוריק, גיט מיט רציחה א שריי־אויס:

— דזשעק, קום נאָר אהער!

דזשעק גייט צו אים צו און פרעגט:

— וואָס ווילסטו?

מאקס ווייזט אויף דעם ראָק:

— איז דאָס אן ארבעט? איך פרעג דיך, קען מען אזא ארבעט „יוז'ן"?

דזשעק באטראכט דעם ראָק און ענטפערט גאנץ געלאַסן:

— עס איז גאנץ גוט, מ'דארף נישט בעסער.

מאקס ווערט אין כעס, נעמט שרייען:

— וואָס? דו וועסט מיר זאָגן, אז עס איז גאנץ גוט? אויב דו קענסט ניט בעסער, קענסטו ביי מיר נישט ארבעטן.

דזשעק ווערט אויפגערעגט און ענטפערט:

— האָב נאָר נישט אזא גרויסן מויל, און ווי אזוי צו מאכן גוטע ארבעט דארפסטו זיך ערשט גיין לערנען! — און גייט צוריק צו זיין מאשין.

מאקס כאַפּט דעם ראָק און לויפט אין אָפיס אריין.

עס באַווייזט זיך דער באָס. מיט רוגזה איילט ער זיך צו דזשעק'ן.

— העי, דו, לינקער, דאָס הייסט גוטע ארבעט ביי דיר? — ער נעמט שרייען מיט באַנומענע קולות: — ווילסט מיך רואינירן, ווילסטו מיך?! ווער צאָלט רענט פאר דעם לאָפט? ווער איז באָס דאָ — דו, צי איך? ארויס פון מיין שאָפּ, דו באָלשעוויק! דו קענסט ביי מיר מער נישט אַרבעטן!...

דזשעק הויבט זיך פּאמעלאך אויף, רוקט ארונטער זיינע פאר־קאטשעטע ארבל. די איבעריגע ארבעטער, באַמערקנדיג דאָס, שטעלן זיך אלע ווי איינער אויף און נעמען זיך אָנטאָן די רעק. ווען דער באָס האָט באמערקט, ווי אלע שטייען אויף די פיס, איז ער גע־ווארן בלייך ווי דער טויט, נעמט שרייען און ציטערן פאר אויפ־רעגונג:

— וואָס איז דאָ, וואס? וואָס האָט עס צו טאָן מיט אייך, הא? פארוואָס אַרבעט איר נישט?

איציק דער רויטער גיט זיך פּלוצים א שטרעק-אויס אין זיין גאנצער הויך, און ווענדנדיג זיך צום באלעבאָס, נעמט ער שרייען נאָך העכער פאר אים:

— „איינער פאר אלע און אלע פאר איינעם", — ווייסט איר, וואָס דאָס מיינט?

דער באָס כאפּט זיך אָן מיטביידע הענט פאר'ן קאָפּ, נעמט שרייען ווי א פארווירטער:

— באָלשעוויקעס וואס איר זיינט! גזלנים! זעצט זיך צוריק צו דער ארבעט, איך מוז פארטיג מאכן דעם אָרדער פאר מאָרגן אינדערפרי...

איציק דער רויטער שטייט אנטקעגן אים, קלאפּט איין האנט אין דער אנדערער:

— אפריער מוז דזשעק זיך צוריקזעצן צו דער אַרבעט, אנ-דערש וועט קיינער נישט אַרבעטן, — שרייט ער מיט דעם זעלבן טאָן, ווי דער באַלעבאָס.

מיסטער זעליג ווענדט זיך אונטערטעניג צו דזשעק'ן:

— פּליז, דזשעק, זעץ זיך צוריק צו דער אַרבעט...

אלע זעצן זיך שמייכלענדע צו דער ארבעט. דער באָס לויפט מיט גיכע טריט צוריק אין זיין אָפיס, מורמלענדיג:

— דורכגעפאלן, דורכגעפאלן!

1928

מאַקס דער בלייכער

(אַ שאַפּ-בילד)

דער טאָג איז געווען אַ הייסער. די לופט איז אַ שווערע, אַ שטיקענדיגע, — אומעגלעך צו אָטעמען. אין שאַפּ הוזשען און רוישן די מאַשינען, ווי אַלע מאָל. די ארבעטער מידע, צעבראָכענע, מיט פּנימ׳ער בלייכע, זיצן און פילן אָן מיט קרעכצן די שטיקענדיגע לופט.

ביי אַ מאַשין, נאָענט צו דער וואַנט צו, זיצט מאַקס דער בלייכער. ער דרייט זיך אַהין און אַהער און קען זיך קיין עצה נישט געבן. אויף זיין טויט-בלאַס פּנים שטייען גרויסע טראָפּנס שוויס. די אויגן — פארשלאָפן און מיד, — שטופּט ער די וואַרע אונטער דער נאָדל.

פּלוצלונג ווערט לאַנגזאַם אויף זיינע ליפּן אַ שמייכל געבוירן. דאָס פּנים הויבט זיך אָן רויטלען. די אויגן גראָבט ער טיף אין דער וואַרע אריין און הויבט אָן פלינקער צו נייען. עס דאַכט זיך, ווי ער וואָלט די שטיקנדיגע לופט אויפגעהערט צו פילן.

— שוין צוויי וואָכן, ווי מיין פּעניטשקע איז אין דער קאַנטרי, — שעפּטשען זיינע ליפּן און אַ זיסקייט צעגיסט זיך איבער זיין קערפּער. — שוין צוויי וואָכן! ...

ער דערמאָנט זיך, ווי זי האָט אַזוי ניט געוואָלט פאָרן, — „איך וויל ניט פאָרן" — קלינגט נאָך אַלץ איר קינדיש שטימעלע אין זיינע אויערן.

— פאַרוואָס, טייערינקע?

— „ווייל ... ווייל איך וועל בייִנקען נאָך דיר."

און אַזוי, ווי איצט, זעט ער, ווי זי האָט זיך צעבליפּעט און זיך געווישט די טרערן פון די אויגן; ער האָט זי דעמאָלט איינגעקלאַמערט אין זיינע אָרעמס און זי געדריקט פעסט צו זיין האַרצן. —

אויך איך וועל ביינקען טייערע, — נאָר ניט געזאָרגט, — האָט ער זיך געטרייסט. — די פּאָר וואָכן וועלן שנעל פאַראיבער און מיר וועלן ווייטער זיין צוזאַמען...

ביי די געדאַנקען פאַנגט אָן זיין האַרץ האַסטיגער און האַסטיגער צו קלאַפּן. נאָך שנעלער יאָגט ער די מאַשין און עס דאַכט זיך אים, אַז וואָס אַמאָל קומט ער אַלץ נענטער און נענטער צו זיין געליבטער. אָט איז זי שוין גאָר נאָענט... נאָר פּלוצים — טראַך! אַ קאַלטער שווייס באַשלאָגט אים. דאָס פּנים ווערט נאָך בלייכער ווי פריער און מיט פאַרשטשעמעטע ציינער שלעפּט ער די נאָדל פון פינגער...

צעשטערטע חלומות

שוין א לאנגע צייט ווי לינא האט קיין בריוו פון איר ליבער מאמען נישט דערהאלטן. אוי, ווי זי האט געליטן, וואס זי האט עס איבערגעטראכט, נעכט נישט געשלאפן. ביי דער ארבעט א פאר׳חלום׳טע געשטאנען. איר שטענדיג רויטער פנים איז אלע טאג בלייכער געווארן און זי האט אויסגעקוקט אזוי מיד, פארמאטערט. דער שטענדיגער שמייכל אויף אירע חנ׳עוודיגע ליפן איז ווי דורך א כשוף פארשוואונדן געווארן, — גאר נישט די זעלביגע פריילעכע לינא, ווי אמאל.

און דזשייק׳ן האט עס אזוי ווײ געטאן. דעם שטילן דזשייק׳ן, וועלכער ליבט זי אזוי שטארק. ער זיצט אקעגן איר ביי דער מאשין און טוט אלע ווײלע א בליק אויף איר. ביי יעדן בליק פארקוועטשט אים זיין הארץ: — „טייערינקע, ווי דו זעסט אויס״...
— האט ער זי נישט אויפגעהערט צו באדויערן.

דזשייק איז געווען דער איינציגער, וואס פלעגט איר טרייסטן און צעשטרייען אביסל. און ווען עס פלעגט אים געלונגען זי צו מאכן שמייכלען, האט ער געפילט ווי אין די הימלען; ווי א שווערער שטיין וואלט זיך פון זיין הארץ אראפגעקייקלט...

אבער היינט איז לינא א גאנץ אנדערע אין שאפ געקומען. א פריילעכע, א גליקלעכע, האט זי זיך לעבן טיש געשטעלט. פלינק, פול מיט לעבן, האבן אירע פינגער גענומען טאנצן אויף די רעק, ביים פארסטריגעווען די „קענוועס״. איר פנים האט געשטראלט. אויף אירע ליפן האט זיך ווידער באוויזן דער שטענדיגער ליבלעכער שמייכל. אין הארצן האט זי געפילט אזוי יום־טוב׳דיג, אזוי גוט...

די אויגן — טיף איינגעגעסן אין דער ארבעט, שעפטשעט זי אלע ווייל אזוי צערטלעך: — „מאמע, מאמעשי!״ — ביים אויסריידן דאס ווארט, מאמע, טוט איר הארץ א צאפל, א כליפע, און די

אויגן ווערן מיט טרערן אָנגעפילט, אָבער עס אי זאיר אזוי גוט...
און זי ווערט נישט מיד שעפּטשענדיג:

— מאַמע, מאַמעשי"...

אפשר הונדערט מאָל האָט זי דעם בריוו פון איר מאַמען גע־לעזן. יעדעס וואָרט מיט קושן באַדעקט. זי שרייבט, אַז זי איז געזונט און זאָל נישט זאָרגן פאַרוואָס זי האָט אַזאַ לאַנגע צייט נישט געשריבן.

„שרייב מיר, קינד מיינס, ווי דו פילסט אין געזונט און צי האָסטו שוין אַ חתן?...

שטייענדיג ביי דער אַרבעט און קלערנדיג וועגן דער מאַמעס ווערטער, גיט זי נישט ווילנדיג אַ בליק אַריבער צו דזשייק'ן. אָבער דזשייק פאַרפעלט קיינמאָל נישט צו כאַפּן אירע בליקן... יענעם מאָמענט ווערן זייביידע אָנגעצונדענע. פאַרשעמט לאָזן זיי אַראָפּ די אויגן און איבער זייערע קערפּערס צעגיסט זיך אַזאַ אָנגענעמע וואַרעמקייט...

— „אַך, ווי איך ליב דעם שיינעם זיסן דזשייק" — לויפט איר דורך אין געדאַנק. זי ווייסט, אַז ער ליבט זי אויך. זייערע בליקן האָבן 'עס שוין לאַנג דערציילט... זי באַשליסט צו ווערן אַ כלה פאַר אים. און אַהיים וועט זי שרייבן אַ בריוו... אַך, וועט דאָס זיין אַ בריוו... זי פילט ווי צו נעמען טאַנצן פון גרויס פרייד.

מיטאָג־צייט איז דזשייק — אַ פריילעכער — צוגעגאַנגען צו איר טיש. ער האָט געפילט, אַז לינאַ האָט פריילעכע נייעס פאַר אים. דערפאַר האָט ער זיך דערלויבט אַ שפּאַס צו טאָן. אָננעמענ־דיג זיך פאַר דעם האַרץ, האָט ער מיט אַ שמייכל באַמערקט: — „אוי, האָסט שוין דאָס גאַנצע האַרץ מיינס צעשאָסן מיט דיינע שפּיזיגע בליקן!..."

לינאַ האָט זיך צעלאַכט ווי אַ קינד. און פאַרבייסנדיג אירע חנ'עוודיגע ליפּן, האָט זי אַזוי ליבלעך געגומען בעטן: — אַנט־שולדיג, דזשייקעלע, אַנטשולדיג...

ער דערפילט דעם מאָמענט וו יזי אַרומנעמען און זי פּעסט צודריקן צו זיך. ער וואַגט עס אָבער נישט. זי ווייזט אים דעם בריוו.

נעמט לייענען אַזוי סודות'דיג, מיט אַזאַ צערטלעכקייט, אַז ער פאַרמאַכט אַזש די אויגן. אַ בילד נעמט לאַנגזאַם זיך צו גליען אין זיין מוח: ער און זי... ער — און זי...

אָבער פּלוצים קומט שנעל דער באַלעבאָס צולויפן מיט אַ ראָק אויף דער האַנט. דאָס פּנים — ווילד מיט רציחה. די אויגן — ברענען ווי ביי אַ וואָלף.

— און דאָס איז ביי דיר אויך אַן אַרבעט, האַ!? — נעמט ער שרייען אויף דזשייק'ן, ווייזנדיג אויף דעם ראָק. דזשייק דערפילט ווי דער באָדן ווערט פאַרשוואונדן פון אונטער זיינע פיס... ווען ער פּרובירט זיך פאַרענטפערן, טוט דער באַלעבאָס אַ טופּ מיט דעם פוס און שרייט אויס: — „שאַט אַפּ"! — אַזש די פענצטער האָבן געציטערט.

נאָכדעם האָט ער אים גענומען באַליידיגן, אָנרופן מיט די שמוציגסטע נעמען; טרעטן אויף זיינע געפילן, אַקוראַט ווי ער וואָלט גאָר קיין מענטש נישט געווען. דאָס געוואַלד צעטראָגט זיך איבער דעם גאַנצן שאַפּ, פילט אָן מיט פּחד די אַרבעטער. פּאַמעלעך, כמעט אויף די שפּיץ פינגער, האָט זיך יעדער צו זיין מאַשינקע צוגעשאַרט און געבליבן זיצן ווי צוגעוואַקסענע.

דזשייק שטייט אינמיטן שאַפּ ווי אַ פאַראורטיילטער. איבער זיין קאָפּ פליען גיפטיגע ווערטער און שטעכן זיך טיף אין האַרצן אַריין. זיין פּנים איז טויט-בלייך. זיינע ליפּן זיינען פון כעס ביז בלוט פאַרביסן. ער שטייט און באַטראַכט זיינע מיטאַרבעטער, וועלכע זיצן דערשראָקענע ביי זייערע מאַשינען. ער באַטראַכט דעם טשערמאַן, וועלכער שטייט און באַטראַכט בלומרשט אַ שטיק אַרבעט. פראַגן קומען בליץ-שנעל אין זיין יונגן קאָפּ: — וואו איז די פּראָטעקציע? וואו איז די אייניגקייט, וואָס דאַרף הערשן אין אַ יוניאָן-שאַפּ?... ער לויפט האַסטיג צו צום טשערמאַן, כאַפּט אים אָן מיט ביידע הענט און נעמט אים טרייסלען:

— וואָס שווייגסטו, פאַררעטער?!

דער באַלעבאָס לויפט שנעל צו צו אים, רייסט אים אָפּ פון טשערמאַן און שטופּט אים אַרויס פון שאַפּ.

אַ בלייכע, מיט אַן אָפן מויל און אויסגעמאַטערטע אויגן

זיצט לינא ווי א צוגעשמידטע. זי ווייסט נישט צי זי זעט עס אין חלום, צי איז עס אין דער ווירקלעכקייט. נאָר ווען דזשייק האָט פאַרלאָזן דעם שאַפּ, דערפילט זי אַ טיפן שניט אין האַרצן. אַ שטילער אוי האָט זיך אַרויסגעריסן פון אירע ליפּן, און אַלע אירע פריערדיגע חלומות ווערן ווי רויך צעשוואָומען...

אידעאַלע באַשעפטיגונג

עס איז געווען אַ קאַלטער דעצעמבער פרימאָרגן. אינדרויסן האָט געברענט אַ פראָסט, אָבער אויף דעם „באָרדוואָק“, אין קוני־איילאנד, האָט מען כמעט די קעלט נישט געפילט. די פיס זיינען געווען עפּעס אַזוי גרינג און לעבעדיג און זיך געריסן ווי צום שפּרינגען... דער ים האָט סודות׳דיג גערוישט און דער שטעכיגער ווינט האָט גערויטלט מיינע בלייכע באַקן...

איך האָב איילנדיג געשפּאַצירט אויף דעם הילצערנעם ברוק און טיף געאָטעמט די געזאַלצענע לופט.

איך האָב געפילט, אַז מיין מידער מוח, וועלכער איז אַ שטיק צייט געווען ווי אַ משא אין מיין קאָפּ, איז ווי גרינגער געוואָרן און זיך גענומען אויסלייטערן. ערשט איצט האָב איך גענומען דערפילן, ווי שווער איך האָב דעם גאַנצן זומער געאַרבעט. דער אַגענט, וואָס האָט מיר צו דעם פּאָסטן צוגערעדט, האָט מיר אַזוי פּאָטערלעך דערקלערט: — נאַריש מיידל וואָס איר זענט, איז דען פאַראַנען נאָך אַ גרינגערע באַשעפטיגונג, ווי צו פאַרברענגען דעם גאַנצן זומער אין די קעטסקיל בערג? אין אַ שיינעם, רייכן האָטעל וועט איר אַן אויסגעפּוצטע מיט אַ זוניגן שמייכל, זיך אַרומדרייען צווישן די טישלעך אַלס קעלנערין, אַרום פריילעכע געסט. נו, קען דען נאָך זיין אַ בעסערע באַשעפטיגונג? אַ חוץ דעם, וואָס איר וועט עסן פון דעם בעסטן, וועט איר נאָך קריגן 50 דאָלאַר אַ מאָנאַט מיט טיפּס...

איך בין געווען אַ געבראָכענע, נישט געהאַט אַ פּעני ביי דער נשמה, האָב איך אומגעטראַכט, זיך באַלד אָנגעכאַפּט אָן דעם „דזשאב“...

ווען דער קאָנדוקטאָר האָט אויסגערופן „פאָלסבורג“, האָבן מיר זיך ראַפּטאָם אַ כאַפּ געטאָן פאַר די קלומיקעס און אַרונטער פון וואַגאָן. אויף דער סטאַנציע זיינען מיר געבליבן שטיין דריי

מיידלעך. דער אַגענט אונדזערער האָט אונדז צוזאַמענגעשטעלט ווי דריי גולמ׳ס. ער אַליין האָט גענומען אַרומלויפן הין און צוריק ווי אַ יאַרידניק און מיר האָבן, ווי קעלבער, אים נאָכגעפאָלגט און אויסגעפאָלגט אַלע זיינע אָרדערס...

דער האָטעל, אין וועלכן מיר האָבן זיך פאַרדונגען צו אַרבעטן, האָט אויסערליך און אינווייניג אויסגעקוקט ווי אַן אמת׳ער פּאַלאַץ. אָבער דאָס צימער, וואָס מען האָט אונדז אָפּגעגעבן, האָט זיך גאָרנישט אַריינגעפּאַסט אין דער סביבה. שמוציג, מיט איין בוידעם-פענצטער. די ריחות פון פאַרשידענע געקעכצן פון קיך האָבן אָנגעפילט דעם גאַנצן צימער, שטיקנדיג אונדז. קיין ביסל פרישע לופט האָט בשום אופן ניט געוואָלט דערגרייכן אונדזער בוידעם-פענצטער...

אונדזער אַרבעט איז געווען אמת׳ע שקלאַפעריי. דער ספּיד-אַפּ האָט זיך דאָ אויך גאַנץ שטאַרק פאַרשפּרייט... שטענדיג זיינען מיר געווען באַשעפטיגט. דער טאָג האָט זיך עפּעס ווי קיינמאָל נישט געענדיגט... און אונזערע פיס, — אַך, די פיס!... זיי האָבן אונז פאַר׳נמאס׳ט דאָס לעבן... און מען האָט נאָך געמוזט אָנציען אַ שמייכל אויף די ליפּן און באַדינען יעדע אויסגעפּאַשעטע פּאַראַזיטקע, וועלכע ווייסט נישט פון קיין נענוג... זי זיצט אַן אָנגעפּרעסטע, מיט אַ ברוינעם אָנגעברענטן פּנים, אָנגעטאָן אין געפּאַסטע „ניקערס״, וועלכע רייצן די אָפּגעפּרעסטע געזונטע, אויסגערוטע מענער, וועמענס אויגן נישטערן אין יעדן באַהאַלטענעם פעלדעלע פון דער פרוי...

— פּליז, ווייטער, גיב מיר נאָך אַ גלאָז קאַלטע וואַסער...
— האַלט זי זיך אין איין שאַפן...

ווען אונזער טאָג אַרבעט ענדיגט זיך, איז שוין באַלד האַלבע נאַכט. דעמאָלט פאַלן מיר אַוועק האַלב-טויטע אויף אונזערע שמוציגע געלעגערס. אין דער האַנט האַלטן מיר עפּעס צום קייען. מיר קייען אַזוי לאַנג, ביז דער שלאָף דערבאַרעמט זיך איבער אונז און באַפרייט אונז פון אונזער שווערער פּראַצע...

שלמה

(פראגמענט)

די פרימאָרגנס פלעגן נאָך דעמאָלט געפינען די איסט־סייד א שטילע און אַן אויפגעראַמטע. פוסט פלעגן נאָך די גאַסן זיין ווען די זון האָט זיך געפינטלט אין מזרח. נאָר די הילכיגע טריט פון לאָמפּן־אויסלעשער פלעגן זיך הויך און ריטמיש הערן אויף די טראָטוארן.

פּאַמעלעך האָט זיך דער בלויער הימל אַרויסגעשיילט פון די שוואַרצע שטיקער, וואָס האָבן אים געהאַלטן איינגעהילט די גאַנצע נאַכט.

די פערד־טראַמווייען האָבן זיך פּאַמעלעך גענומען שלעפּן איבער די גאַסן. די רעדער האָבן געקרעכצט; די מידע פערד האָבן געסאָפּעט; דער אַלטער אַנטרייבער איז געשטאַנען אויף דער פּלאַטפאָרמע א פאַרשלאָפענער ווי פון גיפּס אויסגעגאָסן. דאָס איז געווען כמעט דער איינציגער טומל, וואָס האָט אויפגעוועקט די גאַסן.

דער טאָג האָט זיך געשטעלט. די ערשטע האָבן זיך די אַר־בעטער באַוויזן. אויף יעדערן האָט מען באַלד געקענט דערקענען וואָס פאַר אַן אַרבעט ער טוט. אַט גייט דער סטאָליאַר מיט דער זעג אונטער'ן אָרעם. ער גייט מיט לאַנגזאַמע טריט, ביז צו דעם ענד פון ראָג. דאָרט בלייבט ער שטיין, קוקט מיט פאַרשלאָפענע אויגן אין אַלע ריכטונגען. ער האָט קיין באַשטימטן פּלאַץ, וואו און אין וועלכער ריכטונג ער זאָל זיך ווענדן, כדי צו פאַרדינען דאָס שטיקל ברויט... אַזוי דער שלאָסער, אַזוי דער גלעזער, אומבאַשטימט איז זייער ציל. קיינמאָל קענען זיי פאָראויס נישט וויסן, וואָס דער טאָג וועט זיי ברענגען.

עס אייל טזיך בלויז דער אפּרייטאָר, מיט דער מאַשין אויף

די אקסלען, אין־דרייען איינגעבויגן, איילט ער אין שאפ. אבער זיין הארץ קלאפט און אין מוח טאטשעט א מורא: — „אפשר האט שוין א צווייטער פארכאפט דעם פלאץ?" עס פאסירן דאך אזוינע זאכן אזוי אפט... עס לויפט שנעל פארביי אין מוח, ווי נישט איינמאל האט דאס מיט אים פאסירט... ער כאפט זיך אויף גאנץ פרי... פארגינט זיך נישט אפילו עפעס אנבייסן... ער כאפט די שווערע זינגער־מאשין אויף די פלייצעס און לויפט אז אטעם אין שאפ אריין... ווען ער קומט שוין ארויף, זיצט שוין אן אנ־דערער גאנץ געמיטלעך און ארבעט...

— „סטייטש", — טענה'עט ער צום באלעבאס — וואו איז יושר? געשלעפט זיך מיט אזא משא אזוי ווייט! איר האט דאך מיר צוגעזאגט?"...

באטראכט אים דער באלעבאס מיט אזא חוצפה'דיגן קוק און פרעגט: — „געפעלט דיר נישט? גיי לאד מיך צום רב". — באלד גיט ער צו מיט כעס: — „קאם־און", טראגט זיך אפ פון דאנען, איידער איך וואדף ארויס דיין מאשין דורכ'ן פענצטער"...

דער אפרייטאר פארלירט נישט קיין צייט, טוט א כאפ די מאשין ביים האלז און שטום, מיט א פלוך אין זיין הארץ, פאר־לאזט ער א באליידיגטער דעם שאפ...

עס באווייזן זיך די פושקארט־פעדלער מיט זייערע פארהאר־טעוועטע הענט און פנים'ער. פון די אונטערשטע הויזן־קעשענעס שטעקן ארויס קורצע העקעלעך, מיט וועלכע זיי עפענען זייער סחורה. זיי איילן זיך אין די „סטייבלס", שלעפן זייערע פוש־קארטס צו זייערע פלעצער און כמעט א יעדן פרימארגן מוז זיין א קריגעריי צווישן זיי. אלע מאל טרעפט, אז איינער פארכאפט א צווייטנס פלאץ. עס ווערט דעמאלט א געשטופעניש מיט די פוש־קארטס, א ליארם, א געשריי, ביז א פאליסמאן באווייזט זיך און אלע ווערן ווי דורך א כישוף איינגעשטילט...

אויף דעם טראטואר, לעבן די פושקארטס, דרייען זיך ארום אינגלעך, מיט קעסטלעך אנגעהאנגען אויף זייערע העלזער. לע־בעדיג רופן זיי אוים זייער סחורה: — שו־לייסעס! קאלער־באַ־טאנס! קעמעלעך! ביליג! וויבער — ביליג! — עס איילן פאר־

ביי צוויי יונגע ווייבלעך. איינע רופט אויס, אַנווייזנדיג אויף די אינגלעך: — „זעסט, קעידי, דאָס זיינען אונזערע צוקונפטיגע מיליאָנערן . . .״ די אינגלעך שמייכלען. אויף זייערע בלאַסע פּנים׳ער צעגיסט זיך אַ רויטקייט. עס פאַרדריסט זיי נישט דער שפּאַס, ווייל אין דער היים נאָך האָבן זיי זיך אָנגעהערט, אַז די גרעסטע גבירים אין אַמעריקע זיינען געווען פּעדלער פון „קאָלער־באַטאָנס״ . . .

מאַסן ווייבער, ווי מוראשקעס, נעמען זיך באַוויזן צווישן די פּושקאַרטס. די פּעדלער ווערן באַשעפטיגט. זיי רופן אויס זייער סחורה מיט גרילצנדיגע שטימען. הונדערטער קולות פילן אָן די לופט. דער טומל, דער געפילדער, טראָגט זיך ווייט און ברייט איבער די גאַסן . . .

נישט ווייט פון די פּעדלער, אויף ביידע זייטן פון גאַס, שטייען צוויי אינגלעך, וועלכע זינגען גאַסן־לידער, וואָס זיי פאַרקויפן פאַר אַ פּעני. די סופּראַנאָ־שטימעלעך זיינען האַרציג און פול מיט געפיל. עס זאַמלען זיך אַרום די זינגער מאַסן מענטשן. איינער זינגט אַ פריילעכס, — לאַכן די אַרומיגע און ווישן זיך אויס די אויגן פון האַרציגן געלעכטער. אויף דער צווייטער זייט ראָג, זינגט איינער „אַ בריוועלע דער מאַמען, זאָלסטו נישט פאַר־זאַמען״ . . . די ווייבער וויינען, די מענער ווישן בגנבה די טרערן פון די אויגן . . .

בלויז שלמה שטייט צווישן דער מענגע מענטשן אַ דער־שטוינטער. נישט ער וויינט און נישט ער לאַכט. זיינע גרויסע, לעבעדיגע אויגן, פינקלען אין אַלע ריכטונגען. ערשט אַ וואָך בלויז איז ער אין אַמעריקע. אַלע טאָג ציט אים אין גאַס אַרויס, און ער זאַפּט אין זיך אריין די גליקן פון אַמעריקע.

— „דזשי, איט׳ס די קאַפּ״! — הערט זיך מיט אַמאָל אַ שנעלער אויסרוף צווישן די מענטשן.

די זינגערס ווערן אויף שנעל פאַרשוואונדן, אַקוראַט ווי איינ־געזונקען . . . נישטאָ זיי מער, גלייך ווי זיי וואָלטן דאָ קיינמאָל נישט געווען.

צעגייען זיך די מענטשן אין פאַרשידענע ריכטונגען, נאָר

שלמה בלייבט אַלץ שטיין — ווי אַן אויסגעטוּענער. די הויזן זיינען צו קורץ פאר זיינע לאַנגע פיס, דאָס רעקל — צו שמאָל פאר דער ברייטער פּלייצע. אַ קאָמישע פיגור! נאָר די ברייטע נאָז, דאָס פולע געזונטע פּנים, מיט די שווארצע לעבעדיגע אויגן, האָבן עפּעס ווי עדות געזאָגט, אַז ערגעץ אין אַ ווינקל פון זיין מוח דרימלט אַ גרויסער געדאַנק...

שטייענדיג אַזוי, האָט ער זיך פּלוצים אַ קער געטאָן און ווידער גענומען בלאָנדזשען אַ פאר׳חלומ׳טער איבער די גאַסן. אָט איז „עסעקס סטריט״. אַ שמאָלע פּוסטע גאַס. קיין טראַמוויי לויפט דאָרטן נישט. די קינדער שפּילן זיך אויף דעם שטראָס, נישטאָ קיין מורא פאר קיין „עקסידענט״. מיט לאַנגזאַמע טריט שפּרייזט שלמה און באַמיט זיך איבערצולייענען יעדן נאָמען פון גאַס, אויף די שילדלעך, וואָס הענגען אויף אַ סלופּ אויף יעדן עק פון גאַס. מאַנכעס מאָל פאַרשרייבט ער אין אַ קליין נאָטיץ־ביכעלע די נעמען פון די גאַסן.

און אַהיים וועט ער שרייבן צו דבורה׳ן אַ בריוו און איר אַלעס אויסדערציילן, וואָס ער האָט דורכגעלעבט... אַז דבורה קומט אים אויף דעם זינען, — נעמט שטראָמען עפּעס אַ וואַרעמעס איבער זיין קערפּער: — „פאַר געזונטע, שלמה!״ — קלינגט נאָך איר צערטלעכע שטים אין זיינע אויערן. די אויגן האָט זי געהאַלטן דעמאָלט צו דער ערד געריכטעט, ווען זי האָט די פּאָר ווערטער שטיל ציטערנדיג אַרויסגעשעפּטשעט. ווען זי האָט דערנאָך אויפ־געהויבן אירע בלויע אויגן צו אים, זיינען זיי געווען מיט טרערן פאַרנאָסן. כמעט כליפּענדיג האָט זי געפרעגט: — שלמה, וועסטו איביג געדענקען די ווערטער, וואָס דו האָסט געזאָגט, ווען מיר האָבן ביידע פון איין עפּל געגעסן?... האָסט געזאָגט — „איך ליב דיך, דבורה׳לע... אויף איר ליכטיגן פּנים האָבן זיך טרערן ווי פּערעלעך געקייקלט...

שלמה האָט גאָרנישט געענטפערט, ווייל אין האַלז האָט אים עפּעס ווי פאַרצויגן... נאָר ער האָט זיך אויפגעהויבן, לאַנג זי צום האַרצן געדריקט און זיינע ליפּן האָבן נאָר געמורמלט: — דבורה׳לע, דבורה׳לע...

מיט אָט די דערינגערונגען איז ער אין העסטער פּארק אָנגעקומען. דאָרטן, אין העסטער פּארק, זיינען געשטאַנען צענדליגער אַרבעטער, מיט פּנימ׳ער — פארגעלטע, אָפּגעצערטע. גערעדט האָבן זיי אָבער אויף א קול און גערעדט איבער אלעם אין דער וועלט... ווידער איז שלמה געבליבן שטיין אן איבעראַשטער, און געזוכט מיט די אויגן אין אלע ריכטונגען, אפשר זינגען די אינגלעך ווידער דאָ זייערע הארציגע לידער? אבער ניין, נישט געטראָפן האָט ער יענע וואונדער-קינדער, וועלכע זיינען אזוי אויגנבליקלעך פּאַרשוואונדן. ער האָט גענומען זיך שטופּן צווישן די מאסן מענטשן, געפרעגט מיט זיין געשמאקע מעלאָדישע שטים: — פּאַרוואָס שטייען דאָ אזויפיל מענטשן?

א סך האבן אים אָנגעקוקט דערשטוינטע. זייערע בליקן האָבן ווי געפרעגט: — ווער ווייסט דאָ נישט העסטער פּארק? די בירזשע פון די שניידער-אַרבעטער? אבער געענטפערט אויף זיין פראגע האָט אים קיינער נישט.

צווישן עולם איז געשטאַנען פּרץ, — א יונגערמאן, וועלכער האלט אין איין אגיטירן צווישן די שניידער-אַרבעטער די וויכטיגקייט פון אָרגאניזירן א יוניאָן. — מיר מוזן זיין פאראייניגט אין אַ יוניאָן, — א קערפּערשאפט, וואס זאל זיך קענען איינשטעלן פאר די אמערסטן — עקספּלואַטירטע ארבעטער!

דערזעענדיג שלמה׳ן, האָט ער גלייך דערקענט, אז ער איז נישט לאנג אין לאנד און, א וואונק טוענדיג צו אים, האָט ער הויך אויסגערופן: — יונגערמאן, דאָס איז העסטער פּארק. דאָ קומען זיך צונויף שניידער, וואס זוכן באשעפטיגונג. דאָ קומען אויך באַלעבאַטים וואס קלייבן און זוכן פון די בעסטע באַלמעלאָכעס פאר דעם ביליגסטן פּרייז...

— אזוי?! — האָט שלמה א פּארקלערטער אָפּגעענטפערט.— שניידער שטייען און ווארטן, אז אימיצער זאָל קומען און זיי אויסקלייבן, גלייך ווי זיי וואָלטן פערד געווען? עס איז א שאַנדע, ברידער — ארבעטער! איך בין אויך א שניידער און איך האָב דערוואָרט, אז איר דאָ, אין אמעריקע, זייט שוין לאנג זייער גוט אָרגאניזירט; אז איר האָט שוין אויסגעקעמפט בעסערע באדינ-

גונגען, אזוי, אז איך זאל קענען זיין שטאָלץ מיט אייך און אייך גראטולירן. צום סוף . . .

דער בלאָסער פּרץ האָט א גליקליכער געשמייכלט. ער האָט אים ארומגעכאפּט מיטביידע הענט און אויסגערופן: — בראַוואָ, קאָלעגע!

פלוצים האָט שלמה א פרעג געטאָן:

— וואו געפינען זיך דאָ די שניידער-שעפּער?

— וואו איר וועט זען א חורבה, דאָרטן איז א שניידער-שאַפּ אין די יארדס פון פּיט סטריט, קענאָן סטריט, לואיס סטריט, מענ-דזשען סטריט. אין אָט די פארוואָרפענע געסלעך, דורך שמוציגע בלאָטעס, געפינען זיך אָט די שניידער-פאבטקעס. — האָט דער בלאָסער פּרץ מיט גאל און ווייטאָג כמעט אויסגעשריגן.

שלמה איז געשטאַנען ווי פארשטיינערט. די שווערע, גאליגע ווערטער, האָבן זיך טיף איינגעפּרעסט אין זיין מוח. זיי זיינען נישט געווען ניי פאר אים. ער האָט זיך גענוג אָנגעהערט און אָנגע-ליינט וועגן דעם שניידער-פאַך אין אמעריקע. אבער די ווערטער פון פּרץ׳ן זיינען געווען מיט אזוי פיל גאל, און אזא ווייטאָג איז געווען אין זיין טאָן, אז א שוידער איז אדורך איבער זיין קערפּער.

— ליבער אומבאקאנטער פריינט! — האָט ער זיך געווענדט צו פּרץ׳ן. — עס ווארט פאר אונז א וועלט מיט ארבעט. מיר וועלן פון היינט אָן זיך גאנץ אָפּט זען. — ער האָט אים דערלאנגט די האנט, און ווייטער גענומען בראדזשען איבער די גאסן פון דער איסט-סייד.

ער איז כמעט דורכגעגאַנגען אלע געסלעך, וואס דער יונגער פּרץ האָט אים אָנגערופן. באטראכט די שעפּער פון דרויסן — און זיי אלע דערקענט, גלייך ווי ער וואָלט זיי שוין פיל מאָל געזען.

דער טאָג איז אומבאמערקט פארשוואונדן. די לעצטע שטראַלן פון דער זון, האָבן זיך געטוקט אין מערב. א קיל ווינטל האָט צערט-לעך געבלאָזן און געטריקנט דעם שוויים פון זיין פּנים. א מידער, אן אויסגעמאַטערטער, איז שלמה געשטאַנען אין מענדזשין, לעבן דעלענסי גאס, און באטראכט די בריק, וועלכע האָט זיך געשפּונען איבער דעם „איסט-ריווער" . . .

„צוויי אַרטיסטן"

זיצן זיי ביידע אין דעם גרויסן פאַנטאַסטישן רעסטאָראַן, נישט ווייט פון גרינוויטש-ווילעדזש, און ריידן אַזוי פּאָעטיש. יעדעס וואָרט זייערס קומט אַרויס אַזוי מיט טאַקט, מיט ריטם. אויף זייערע ליפּן זעט זיך אַזאַ צופרידנקייט, — קענטיק אַליין צופרידן פון זייערע „געפליגלטע אויסדריקן". און ריידן, ריידן זיי נאָר פון קונסט, ליטעראַטור און מאַלעריי. אַם מערסטן פון מאַלעריי, ווייל באַקענט האָבן זיי זיך לעבן גרינוויטש-ווילעדזש... אָבער אין די מוחות פון זיי ביידן, — אַך, וואָסערע וואָכנדיגע פראַגן קומען און ווילן בשום אופן נישט פאַרשווינדן...

ער — פילנדיג, ווי די פראַגן שטופּן זיך אין זיין מח — גלעט אַלע ווײַלע זיין הויכן שטערן, גלייך ווי ער וואָלט זיי וועלן באַרואיגן, און זיי זאָגן: — פּליז, לאָזט צורו א ווײַלע, וואָס ווילט איר? נישט אַנדערש נאָר מיך אַרויסגעבן?

נו, נו, מער וואָלט עס נישט באַדאַרפט, ווען ענדלעך ער האָט זיך באַקאַנט מיט אַן אַרטיסטקע. אָ! ווי ער פאַרגעטערט זיי, די אַרטיסטן!...

און ווי אַזוי האָט ער זיך מיט איר באַקאַנט? שנעל פליט פאַרביי דאָס בילד אין זיינע געדאַנקען: זי איז געזעסן ביי א טישל אין א ווינקל פון דעם זעלבן רעסטאָראַן. אַזוי פאַרזאָרגט. דער אָרקעסטער האָט געשפּילט. די קאַבאַרעטקעס האָבן געזונגען און געטאַנצט. אַלע זיינען מונטער געווען. אַפילו ער, וואָס איז תמיד אַזוי ערנסט, האָט אויך דאַסמאָל געפילט א מונטערער. נאָר זי איז געזעסן ווי פאַרבלאָנדזשעט אין א וואַלד. אירע טרוימערישע אויגן האָבן געקוקט אַזוי פאַרקלערט. אירע ליפּן זיינען געווען אויסגעקרומט ווי ביי א קינד וואָס וויל זיך צעוויינען.

ער האָט עס פּלוצלונג באַמערקט און דאָס האַרץ האָט אים מאָדנע פאַרקלעמט. ער איז גלייך צוגעגאַנגען, זיך צוגעזעצט לעבן איר און געפרעגט מיט טרערן אין די אויגן:

— „וואָס אַזוי פאַרזאָרגט, קאַמעראַד?"

זי האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, אים גוט באַטראַכט און, זייענדיג זיכער, אַז ער איז א מאַלער... האָט זי צווישן טרערן

דערציילט, אז א בילד, אויף וועלכן זי האָט געאַרבעט עטלעכע וואָכן, איז פּלוצלונג נעלם געוואָרן...

— אזוי? ! — האָט ער כמעט אויסגעשריגן פון איבעראַשונג. אבער צו דערזעלבער צייט האָט ער געפילט צופרידן, וואָס טאקע צוליב דער סבה האָט ער מיט איר באַקאַנטשאַפט געשלאָסן...

און יעצט ווילן די שדים אין זיינע רעיונות נישט אנדערש נאָר אים פאַרראַטן... ער באַטאַפּט פּלוצים זיין שוואַרצע ווינדזאָר „טאַי", גיט א זייטיגן בליק אין שפּיגל, ווי זיך וועלן איבערצייגן צי ער מאַכט נאָך דעם איינדרוק פון א מאַלער... און — א צופרידענער בליקט ער דרייסטער אויף זיין געליבטער...

אויך זי ווישט זיך דעם שוויים פון פּנים... זי אָבער איז צופרידענער, ווייל זי איז ביי זיך זיכער, אז ער קען גאָרנישט אויסגעפינען. — ווי אזוי? — פרעגט זי זיך, לאַכנדיג אין די געדאַנקען — און אז איך בין א פינישערין ביי קלאָוקס, וועט ער דען, א מאַלער גיין אין שאַפּ אריין אויסגעפינען? איין זאַך וואָס ערגערט איר איז, פאַרוואָס צעגערט ער אזוי? זי איז זיכער, אז ער איז אין איר פאַרליבט; אז ער וועט איר זיכער דערקלערן... נאָר זי וואָלט וועלן, אז ער זאָל זיך צואיילן וואָס שנעלער... אָ, וועט דאָס אים פאַרדריסן, וויקטאָר'ן, מיט וועמען זי איז ארומגעגאַנגען צוויי יאָר. ווי ער האָט עס איר געפּלאָגט, כסדר איר געוואָרפן דעם גט פאַר די פּיס. וואָרום? — ווייל ער איז א מאַלער. און ווער האָט דאָס אים געהאָלפן עס דערגרייכן, ווען נישט זי? אָבער דאָס האָט ער נישט געוואָלט וויסן. ער האָט חרטה געקראָגן און שוין. יעצט אָבער וועט זי נעמען נקמה פון אים... אָ, ווי עס וועט אים פאַרדריסן, ווען ער וועט זיך דאָס דערוויסן!...

עס איז געוואָרן שפּעט אין דער נאַכט. פּאַמעלעך האָבן זיי געשפּאַצירט איבער די טונקעלע, שטילע גאַסן. א זאַנפטע ווינטעלע האָט געקיצלט זייערע הייסע פּנים'ער און גרינגער געמאַכט זייערע מחות... ער האָט איר געהאַלטן זאַכט ביים אָרעם, און געשעפּטשעט פאַר אירע ליבעם לידעלעך... אריינקומענדיג אין פּאַרק, האָבן זיי זיך געזעצט, זיך אָנגענומען פאַר די הענט און זיך אייביגע ליבע געשוואָרן...

מיין שכן אין שאַפּ

שוין צוועלף יאָר ווי מיין שכן איזי ארבעט ביי זיין קאָזין אין שאַפּ. די גאַנצע צייט אבער, טראַכט ער אַלץ פון אַוועקגיין.

אזוי ווי איך ענדיג נאָר היינטיגן סעזאָן, אזוי וועל איך זיכער פארלאָזן דעם שאַפּ. מעג איך אפילו ארומגיין א יאָר אָן אַרבעט, ארט עס מיך נישט. — טענה׳ט ער מיט שוים אויף די ליפּן צו די ארבעטער פון שאַפּ. אלע טאָג מיט׳ן זעלבן נוסח, גלייך ווי מען וואָלט געפרעגט ביי אים.

זיצנדיג ביי דער מאַשין, ארבעט ער מיט אימפּעט, שאָקלט צו מיט׳ן קאָפּ. הויבט די פּלייצעס און מאַכט פארשיידענע גרי-מאַסן מיט זיין דאַר, געל פּנים... די אויגן זיינע, גרויסע, אויס-געלאָשענע, זיינען שטענדיג אומרואיג. רק זיי ווארפן בליקן צו די ארבעטער ארום אים. און רק ער וויל אלעמען אריבעריאָגן אין שנעלקייט... גלייך ווי עס גייט אים אין לעבן... אבער ווען עס געלינגט אים נישט, ווערט זיין פּנים פארוואָלקנט, אָנגעכמורעט, ברוגז אויף אלעמען...

דער אימפּעט נעמט לאַנגזאַם פארשווינדן, גלייך ווי די אונ-טערגייענדיגע זון... דער קערפּער ווערט נאָך מער איינגעבויגן, און קוים וואָס ער ארבעט...

זיין אָפּגעלאָזנקייט ציט שנעל צו די אויפמערקזאַמקייט פון זיין קאָזין, דעם באָס. ער לויפט שנעל צו צו אים און נעמט שרייען אויף א קול:

— וואָס ביזטו, איינגעשלאָפן? וואָס?

הערנדיג דעם באָסעס שטימע הינטער זיך, נעמט ער ווייטער ארבעטן מיט אלע אברים, ווי פריער... נאָר ווען דער באָס פאר-שווינדט אין צווייטן עק פון שאַפּ, דרייט ער אויס מיט רציחה דעם קאָפּ אין יענער ריכטונג. די אונטערשטע ליפּ ציטערט א ווײַלע פון אויפרעגונג און פּלוצים גיט ער א געשריי אויס מיט כעס:

— „ספּאָקוניאַק“ דו איינער! (מיינענדיג פּאַסקודניאַק). מיין לעבן דיר, דאָ אין דעם שאַפּ, אוועקגעגעבן“! . . .

טרערן פילן אָן זיינע אויגן. ווענדנדיג זיך צו די אַרבעטער אַרום אים, צייגט ער אָן אויף זיינע אויסגעדאַרטע הענט און וויינענדיג זאָגט ער:

— זעט, וואָס פון מיר איז געוואָרן. געוועזן געזונד ווי א בער, ווען איך בין אָנגעקומען צו אים, מיין קאַזין, — ברענגען זאָל ער!

דער יאָמער אין זיינע רייד פילט אָן די אַרבעטער מיט באַדויער און סימפּאַטיע צו איזי'ן...

ענטוישט

א טריבער פרימאָרגן. שווערע, גראָע וואָלקנס הילן איין דעם הימל. דוד בליקט ארויס דורך דעם פענסטער, באטראכט גלייכגילטיג דעם חושכ׳דיגן הימל. קיין איבעראַשונג, קיין פארצווייפלונג דריקט זיך צוליב דעם נישט אָפּ אויף זיין פּנים. די בלויע, צונויפגעצויגענע ליפּן מורמלען בלויז — מען דארף נישט פאַרגעסן מיטצונעמען דעם רעגנשירם.

העניע, זיין ווייב, ליגט אין בעט, פאָלגט נאָך מיט אירע גרויסע, שווארצע אויגן א יעדער באַוועגונג פון איר אָפּגעצערטן בלייכן מאַן, וועלכער באַוועגט זיך קוים, איינפּאקנדיג זיך אין וועג אַריין. אויף איר פולן, רויטן פּנים איז אויסגעגאַסן גלייכגילטיגקייט. א שפּאָטישער שמייכל ליגט אויף אירע ליפּן, און אין הארצן, ביי איר, טאָטשעט א גיפטיגע שלאַנג, וועלכע וואָלט גערן אויפגעפרעסן אָט דעם קליינעם אויסגעצערטן מענטשעלע, וואס דרייט זיך קוים אויף די פיס ארום. איבער איר גאנצן ריזיגן קערפּער איז צעשפּרייט אַן עקעל צו אים. כאָטש נעם און צערייס אים. די איינציגע פראַגע, וואָס בויערט שוין אריבער פינף יאָר איר מוח, איז: — וואו זיינען מיינע אויגן געוועזן? מיט וועמען האָב איך חתונה געהאט? — עס פארדריסט איר רק, פארוואס זי האָט מיט אים חתונה געהאט... און אז זי באטראכט זיך אין שפּיגל, ווי שיין און שלאנק זי איז, דערוואכט זיך א ווילדע רציחה צו אים און אין א באַהאַלטן ווינקל פון איר מוח טליעט איין געדאנק — אים צו פארניכטן מיט רייד... זי ווייסט, ווי עמפּינדלעך דוד איז, זיין מענטשלעך הארץ ווערט אין שטיקער צעריסן פון איין אומפארדינטן שלעכטן וואָרט... מיט אָט דעם כלי-זיין באנוצט זי זיך שוין באלד דריי יאָר. א יעדעס וואָרט אירס טרעפט אין ציל... און פארצערט אים ביסלעכווייז. אזוי ווי א גיפטיגע מעדיצין גראָבט עס אונטער זיין געזונט.

דוד, וועלכער האָט געשפּילט אמאָל אזא ראָליע, וועלכער האָט

אלעם געוואוסט, און שטענדיג געהאט אזוי פיל צו דערציילן, שווייגט אצינדער, שווייגט פאר בושה... געדענקט האָט ער, אז ער איז א גאנצער פסיכאָלאָג, א מענטשן-קענער. זייענדיג פיל באַלעזן, אָנגעזאפט מיט טעאָריעס פון די גרעסטע דענקער — פלעגט ער אָפטמאָל חוזק מאכן פון אן אנדערנס א מיינונג — „איר זיינט ניט קלוג גענוג מיך צו לערנען," פלעגט ער אָן צערעמאָניעס ענטפערן א יעדן, וואס האָט פּרובירט אים אמאָל אן עצה געבן.

איז ער זיך אזוי ארומגעגאנגען א בחור ביז דרייסיג יאָר, און געלאכט פון דער וועלט. זיין אינטימען האלטן זיך אָבער, זיין פריינדליכער שמייכל צו אלעמען, און זיינע קלוגע גלייכווערטלאך, האָבן אים דערוואָרבן פיל פריינד.

די פרויען האָט ער פשוט פאר׳כשופ׳ט... האָבן זיך ארומגעדרייט פילע אינטעליגענטע מיידלעך און גע׳חלומ׳ט פון דוד׳ן...

אָבער אזוי שנעל, ווי ער פלעגט זיך דערוויסן וועגן דעם, אזוי פלעגט ער זיך דערווייטערן פון זיי. און וואס מער דוד פלעגט זיך דערווייטערן פון זיי אלץ מרה-שחורה׳דיגער האָבן די מיידלאך אָנגעהויבן אויסזען, ביז זיי פלעגן ביסלעכווייז מיט צעבראָכענע הערצער איינגאנצן פארשווינדן פון זיין צירקל...

דוד אבער האָט קיינמאָל נישט געמיינט אימעצן ווייַ צו טאָן. אָ, ניין, זיין באגער איז געווען אויסצוזוכן א רויע, אן אומוויסנדע מיידל, און ווי א סקולפּטור איר אויסקנעטן... און איר ארויפברייגען צו זיך... אז דוד זאל מיט שטאָלץ קאָנען אָנווייזן — אָט זעט וואָס איך האָב געמאכט פון א רוי, אומוויסנדע מיידל...

האָט דוד זיך באקענט מיט העניען אין א שיינעם זומער פארנאכט אין א פּארק. זי איז געזעסן אויף א באנק פארקלערט. די גאָלדענע שטראַלן פון דער אונטערגייענדער זון האבן איר אין גאנצן איינגעהילט, און זי האָט אויסגעקוקט אזוי שיין און געכשופ׳ט יעדן פארבייגייער...

ווען דוד האָט איר דערזען איז ער פארגאַפט שטיין געבליבן, אין הארצן האָט אים א טיאָך געגעבן, עפּעס האָט זי געצויגן, ווי א מאגנעט...

ער האָט זיך אוועקגעזעצט לעבן איר, און עס האָט לאנג נישט

גענומען און דוד האָט גאַנץ אינטים זיך צערעדט מיט איר. זי האָט זיך ארויסגעוויזן אַן אומוויסנדע, עלנדע מיידל. דוד האָט דער-פילט גליקלעך, זיין חלום איז פאַרווירקלעכט געוואָרן...

ער האָט אָנגעהויבן צו קומען מיט איר צווישן זיינע פריינד און באַקאַנטע און באַלד האָט מען איר באַמערקט ווי וויט זיי זיינען איינער פון צווייטן... אבער ער האָט טריאומפירענד געשמייכלט, און נאָר באַמערקט, אַט אַזאַ מיידל האָב איך געזוכט... אין פאַר-לויף פון צוויי מאָנאַטן איז ער געוואָרן איר מאַן...

באַלד נאָך דער חתונה האָט ער אוועקגעגעבן זיין גאַנצע פרייע צייט פאַר איר׳ט וועגן. זי געלערנט לעזן און שרייבן, גענומען איר אין די שענסטע פּלעצער, פּרובירט איר אויסצוליייטערן, פאַרברייי-טערן, פאַרשענערן אירע געדאַנקען אין איר מוח. אבער, וואָס מער זי האָט גענומען פאַרשטיין און באַגרייפן, אַלץ מער האָט זי גע-נומען פילן, אַז זי איז נישט פאַר אים, אַז זי מיט איר גראַציעזע פיגור, מיט איר שיינעם פּנים האָט געקענט קריגן אַ רייכערן, אַ גע-זונטערן פאַר דוד׳ן...

מוט אים צו פאַרלאָזן האָט איר געפעלט. האָט זי אויפגעהערט זיך צוצוהערן צו אים. גענומען אים ערגערן, שילטן און אָן רחמנות טרעטן אויף זיינע איידעלע געפילן. און ווען זי האָט גענומען מערקן, אַז אירע רייד פאַרצערן אים, האָט זי געקראָגן אַ ליידנשאַפט אים צו פאַרניכטן... וואָס ער האָט געקרענקט, אַלץ מער גיפט האָט זי געשאָטן אויף אים. און ער האָט געפילט, ווי יעדער וואָרט איר׳ס ציט ארויס דעם מאַרך פון זיינע ביינער.

איצט איז ער אינגאַנצן צוזאַמענגעבראָכן, געפאַלן אַ קרבן אין דער מלחמה. און ער מוז זיך אין די בערג פאַרקלייבן... איינגעפּאַקט זיך, גייט ער צו צו איר בעט, באַטראַכט זי אַ ווײַלע, און נאָכהער פרעגט ער גיפטיג — נו, יעצט ביזט דו צופרידן? האָסט דיין ציל דערגרייכט?

— אוועק פון מיר, דו עקלסט מיך, אוועק!

ער דערפילט, ווי אַן עלעקטרישער דראָט וואָלט אדורך זיין קער-פּער, אבער ער קאָנצענטראַלירט זיך מיט אַלע זיינע כחות. און מיט לאַנגזאַמע טריט פאַרלאָזט ער דעם גיהנום.

אן אויסגעמאטערטער זיצט ער אין באן. קוקט א פארקלער-טער דורך דעם פענסטער. אין דרויסן גיסט א רעגן. די שווערע, גרויע וואָלקנס לויפן איבער די שפּיץ בערג. די בוימער שטייען אויסגעווייקטע, און טראָפּנס, ווי טרערן גיסן זיך אָן אויפהער פון די בלעטער.

דוד קוקט אלץ אין דרויסן. די לאנדשאפטן, וואָס לויפן אזוי בליץ-שנעל פארביי דערוועקן אין אים עראינערונגען פון זיין יוגנט, וועלכע לויפן פארביי זיין מוח אקוראט אזוי בליץ-שנעל, ווי די לאנדשאפטן, און זיין פארוואונדעטע הארץ יאָגט נאָך אלץ האסטי-גער, אקוראט, ווי עס וואָלט וועלן כאפּן די פארלוירענע, גליקלעכע טעג.. און פון זיינע אויגן גיסן זיך טרערן, ווי פון א קוואל...

אַ גוטע יוניאָן?

אַ מיטינג-פּלאַץ. אויבן-אָן, ביי דער וואַנט, אויף אַ פּלאַט-פאָרם, שטייט דער טשערמאַן, — אַ בלאָנדער יונגערמאַן מיט אַ פול רויט פּנים און בליצנדע אויגן. אין דער האַנט האַלט ער אַ הילצערנעם האַמער און הערט ניט אויף צו קלאַפּן. דערביי שריי-ענדיג אויף דעם העכסטן קול:

„אָרדער, פּליז! פאַרנעמט אייערע פּלעצער, וועלן מיר עפענען דעם מיטינג.“

רעכטס און לינקס פונם טשערמאַן שטייען צוויי טישן. לעבן איינעם זיצט דער פּראָטאָקאָל-סעקרעטאַר, ביים צווייטן — זיצן די באַצאָלטע באַאַמטע. פון ביידע זייטן טישן ציען זיך בענק, אויף וועלכע עס זיצן אָפּגעריסענע, אויסגעמאַטערטע אַרבעטער, מיט אויגסעצערטע פּנימ׳ער, מיט אָנגעשטרענגטע בליקן, געריכטעט צום טשערמאַן.

דער טשערמאַן קלאַפּט נאָך אַ ווײַלע מיט דעם האַמער, ביז עס ווערט אין זאַל שטיל. ער גיט אַ רוף אויס:

„אין דעם נאָמען פון דער שניידער-יוניאָן, דערקלער איך דעם מיטינג פאַר דערעפנט. ברודער סעקרעטאַר, זייט אַזוי גוט, און לעזט פאָר דעם פּראָטאָקאָל!

דער פּראָטאָקאָל-סעקרעטאַר שטעלט זיך אויף און נעמט ליי-ענען דעם פּראָטאָקאָל: „מאָנטאַג אָוונט, אויגוסט דעם צווייטן, האָט אונזער שניידער-יוניאָן אָפּגעהאַלטן אַ רעגעלן מיטינג. דערשינען ברודער טשאַרלי און דערקלערט, אַז דער באָס האָט אים דערלאַנגט אַ פּראַסק אין פּיסק אַריין פאַר אומזיסט און אומנישט. דער שאָפּ-טשערמאַן איז דערביי געזעסן אַנטקעגן און געקייכט פאַר געלעכ-טער... באַשלאָסן צו רופן אַ שאָפּ-מיטינג. דערשינען דער קאָנט-ראַקטאָר און דערקלערט, אַז אויב מיר ווילן, אַז ער זאָל אָנהאַלטן דעם שאָפּ, מוזן מיר אים העלפן אַרונטערנעמען ביי די אַרבעטער

א טאָג ווײדזשעס... באשלאָסן עס איבערצוגעבן צום אָפּיס... דערשינען א צווייטער קאָנטראַקטאָר און דערקלערט, אז אויב מיר ווילן, אז ער זאָל אָנהאַלטן דעם שאַפּ, מוזן מיר אים דערלויבן ארונטערצושיקן זעכציג ארבעטער. אויב נישט, — גייט ער ארויס פון ביזנעס... באשלאָסן, אז די דזשאָינט באָרד זאָל האנדלען אין דער קיים... מיטינג צו ענדע.

דער פּאָרזיצער כאַפּט זיך אויף פון שטול: — וויל אימיצער א וואָרט צום פּראָטאָקאָל? אָלעס אָל-רייט? א גוטע יוניאָן? מיט דערמיט דערקלער איך דעם פּראָטאָקאָל פאר גוטגעהייסן.

איזי, דער ועכטער, כאַפּט זיך פּלוצים אויף אין כעס: — מיס-טער טשערמאַן, איך וואָלט וועלן וויסן, וואס רעדט איר אזוי „קווי-דעריש" (קרימט אים נאָך), א גוטע יוניאָן? אָלעס אָל-רייט? יעס, ברודער טשערמאַן, עס איז א פוירסט קלעס יוניאָן. און אויב עס געפעלט דיר נישט די יוניאָן, — רעזיגניר! מיר געפעלט זי זייער גוט!

עס ווערט א טומל, א געפּילדער. ארבעטער פון אלע זייטן שרייען: העי, סקעבאטש, מאַך צו דעם פּיסק! דער פּאָרזיצער קלאַפּט מיט דעם האמער, שרייט: — אָרדער פּליז! אָרדער! — עס ווערט שטיל. דער טשערמאַן אָטעמט שווער און ווישט זיך דעם שווייס פון פּנים. א בארואיגטער רופט ער געלאַסן אויס: — ברי-דער, לאָזט אים צו מיר. איך וועל אים גאר נישט שולדיג בלייבן. — און ווענדנדיג זיך צו איזי'ן, זאָגט ער מיט א שמייכל: „געוויס איז פאר אזעלכע ווי דו די היינטיגע יוניאָן גוט. א מענטש, וואָס זיצט א גאנצן יאָר און ארבעט פולע וואָכן מיט אָווערטיים, העלפט ארויסוואַרפן אויבעטער פון שאַפּ, קריגט גרויסע ווײדזשעס אויף דעם חשבון פון די איבעריגע ארבעטער, ווייל ער איז א באַי פון די באָס, געוויס איז די יוניאָן פאר דיר גוט!...

ארבעטער פון אלע זייטן שרייען: — וואַרפט אים ארויס! וואַרפט אים ארויס! איזי, א בלייכער, אָבער א חוצפּה'דיגער, הויבט זיך אויף און שרייט אויס: — איך וועל זיך מיט דיר אָפּ-רעכענען, לינקער, וואָס דו ביסט!... נאָך דעם אויסרוף פארלאָזט

ער דעם זאַל. דער פּאָרזיצער קלאַפּט מיט דעם האַמער. עס ווערט שטיל. ער ווענדט זיך צום ביזנעס-אַגענט:

— זייט אַזוי גוט און גיט אָפּ אייער באַריכט.

דער דעלעגאַט שטעלט זיך פּויל אויף, גלייכט אויס די דימענט-שפּילקע אין דער „נעקטיי". ער נעמט אַרויס אַ נאָטיץ-ביכל, קוקט אַריין, הויבט-אָן אָן חשק צו באַריכטן: — איר האָט געהערט פאַר-לעזן דעם פּראָטאָקאָל וועגן קאָנטראַקטאָר ב.?!... נאָך עטלעכע טעג קאָנפערירן, האָב איך גע'פועל'ט, אַז ער זאָל בלויז אַרונטער-נעמען אַ האַלבן טאָג ווידזשעס פון די אַרבעטער אָנשטאָט אַ גאַנצן טאָג... יעצט וועגן טשאַרלי'ן, וואָס האָט געבראַנגט אַ קלאַגע געגן זיין באָס, אַז ער האָט אים געגעבן אַ פּאַטש. איך בין דאָרט געווען אין שאָפּ, האָט זיך דער באָס פאַרענטפערט, אַז ער איז אַ נער-ווועזער מענטש. מ'האָט מיר אפילו געוויזן אַ מעדיצין, וואָס ער נעמט פאַר די נערוון... דער סכסוך איז געסעטלט געוואָרן מיט דעם, וואָס דער באָס האָט אַלעמען טראַקטירט מיט אַביסעלע גוטן „סקאַטש"... וועגן קאָנטראַקטאָר ש., וואָס וויל אַרונטערשיקן זעכ-ציג אַרבעטער, איז זיין פאַרלאַנג באַוויליגט געוואָרן. וואָס דען? מיר קענען „אַפאָרדן" צו פאַרלירן שעפּער איצטיגע צייטן?... פאַראַן נאָך אַזעלכע שעפּער, אין וועלכע מען וועט מוזן מאַכן די זעלבע אַדזשאַסטמענטס...

דער פּאָרזיצער פרעגט: — וויל אימיצער אַ וואָרט צום באַ-ריכט?

דער שוואַרצער מענדל כאַפּט זיך אויף, — ברודער טשער-מאַן, איך פאַרלאַנג אַ וואָרט. ער קריגט דאָס וואָרט.

דער שוואַרצער מענדל: — טשערמאַן און ברידער, מען האַלט אין איין וואַרפן די אַרבעטער פון די שעפּער. מען האַלט אין איין שלאָגן אין די שעפּער. מען האַלט אין איין יאָגן די נשמה אַרויס פון די אַרבעטער. די פאַרדינסטן ווערן אַלעמאָל קלענער. אַרבעט—ווינציגער. דאָס לעבנס-מיטל טייערער. וואָס וועט זיין דער סוף, וויל איך וויסן?! וואו איז אונזער יוניאָן? וואָס טוען אונזערע באַאַמטע? וואָס שוויגן זיי, וואָס?...

ער זעצט זיך האַסטיג אַוועק.

דער ביזנעס-אגענט כאפט זיך אויף אן אויפגערעגטער און, ווענדנדיג זיך צום שווארצן מענדל, מאכט ער:

— האָב נאָר נישט אזא גרויס מויל. עס געפעלט דיר נישט?... פאראַן פלענטי לײדיג-גײער, וואס קענען פארנעמען דײן פּלאַץ...

דער פאָרזיצער קלאפט מיט דעם האמער און שרײט: — אָרדער, פּליז! — עס ווערט שטיל. — ווײל נאָך אימיצער א וואָרט צום באריכט?

אלע שווייגן. נאָך דעם סטראשונעק פון דעם ביזנעס-אגענט, האָבן שוין אלע מורא אויסצורײדן א וואָרט.

דעמאָלט נעמט דער פאָרזיצער אלײן דאָס וואָרט. מיט א בײסנדיגער קריטיק רײסט ער ארונטער דעם באריכט-אָפּגעבער און שלאָגט-פאָר א רעזאָלוציע, צו פארדאמען די נאָכגעבעקײט פון די באאמטע, וואס האָבן אזוי פיל אײנזעעניש מיט די באלעבאטים, בשעת די ארבעטער דארפן אזוי פיל לײדן.

די רעזאָלוציע ווערט אָנגענומען אײנשטימיג אונטער א דונער פון אפּלאָדיסמענטן. די ביזנעס-אגענטן רוקן זיך פארשעמט ארויס פון האָל.

1926

קינדער פון שאַפּ

פּערזאָנען:

דזשאָו — אַ באַלעבאָס

מאַקס — אַ פאָרמאַן

דזשעק — אַ לינקער

איציק — דער רויטער

שמואל — אַ פּרעסער

ערשטע סצענע

דזשאָו (דער באָס, זיצט ביי זיך אין אָפיס ביים דעסק, רעדט אין טעלעפאָן): העלאָו, יעס... דאָס איז דזשאָו... ווער? ווער רעדט דאָס?... אָ! האַו-דו-יו-דו? שוין לאַנג נישט געהערט פון דיר... יע, פאַר דיר — עני טאַים! איך פיר דאָס באַלד דורך... קענסט זיך פארלאָזן אויף מיר... אָבער געדענק, איך מוז אים האָבן צוריק... גוד באַי... (ער גיט זיך האסטיג א שטעל אויף! שטעלט זיך אַוועק ביים ארייגאַנג אין שאַפּ און רופט הויך אויס): מאַקס!

מאַקס (דער פאָרמאַן, קומט שנעל צו לויפן, פרעגט איילנדיג): וואָס איז, מר. יודעלמאַן?

דזשאָו (קוקט זיך פאָרזיכטיג אַרום): הער זיך איין, מאַקס. איך האָב ערשט גערעדט מיט'ן מענעדזשער פון דער יוניאָן. ער פארלאַנגט א טובה.

מאַקס (נייגעריג): וואָס איז די טובה?

דזשאָו (שטיל): דזשעק, דער לינקער טוט אים אין טויט אַריין ביי די יוניאָן-מיטינגען. ער מוז אים „טעימען". פאַרשטייסט? אביסל אָנלערנען. פארלאַנגט ער, אז מיר זאָלן דזשעק'ן אַוועקשיקן פון דער אַרבעט.

מאַקס (איבעראשט): איצט, אינמיטן סעזאָן? איר ווייסט דאָך, ווי שווער עס איז צו קריגן אַזאַ בעל-מלאכה ווי דזשעק.

דזשאָו (לאַכנדיג): פארשטייסט ניט? דאָס איז דאָך בלויז אַ „סקים"... פאַרשטייסט? ער וועט אים אונז צוריקשיקן, נאָר עס וועט דארפן הייסן, אז נאָר דורכ'ן מענעדזשער פון דער יוניאָן האָט דזשעק דעם דזשאב צוריקגעקראָגן. איך וועל אים אַוועקשיקן,

וועט ער לויפן אין דער יוניאָן מיט א גוואלד „קאָמפּלעינען“. וועט מיך דער מענעדזשער אין זיין אנוועזנהייט אָפּרופן, מיר געבן א שטאַרקן „ארגומענט“, מיך סטראשען, אז אויב איך וועל אים ניט צוריקנעמען, וועט ער מיר „אָפּסטאָפּן“ דעם שאָפּ... און — איצט פאַרשטייסטו שוין?

מאקס יעס, אבער ווי אזוי שיקט מען אים אַוועק? מ׳דארף דאָך האָבן א תירוץ.

דזשאָו: נאָר איינער, גאנץ פשוט, הויב אויף א ראָק, באַ-טראכט אים כלומרשט, געפין א חסרון... רוף צו דזשעקין, זאָג אים, אז אַזאַ ארבעט קענסטו ניט „יוזן“... וועט ער דאָך דיר געבן אן ארגומענט... איז דעמאָלט רוף מיך אריין און איך וועל שוין מאכן דעם „פינישינג טאָטש“... פאַרשטייסט?

מאַקס (פאַרקלערט): אָלרייט... (אָפּ).

צווייטע סצענע

(מיטאָג־צייט אין שאָפּ. לעבן וואנט שטייט אַ ריי מאשינען. אַרום זיי ליגט אָנגעוואָרפן רויע אַרבעט. אינמיטן שאָפּ, אָנגעשפּארט אויף אַ לאנגן טיש, שטייט דזשעק דער לינקער — אַ הויכער בלייכער יונגערמאַן, אויגן ניכטערע, די ארבל פארקאשערט. אַרום אים שטייען כמעט אַלע אַרבעטער פון שאָפּ און עסן).

איציק דער ווייטער (אָנווייזנדיג אויף אַ פארטיגן ראָק אויפ׳ן טיש): זעסט, דזשעק, פאר וועמען דער ראָק איז? ס׳איז דאכט זיך פאָר אים, פאר׳ן פארזאָרגער פון אונזער לאָקאַל. (ער קוקט זיך נאָענטער איין אויפ׳ן טיקעט פון ראָק) אָ, יע, — אָט קענסטו זען אפילו זיין נאָמען אויפ׳ן טיקעט.

דזשעק (ערנסט): נו, דערפאַר יאָגט מען דאָך פון אונז די נשמה ביי דער אַרבעט. מיר מוזן דאָך באצאָלן דערפאר...

שמואל דער פרעסער (פאָרזיכטיג): האָסט רעכט, דזשעק, ס׳איז שוין ניט אויסצוהאַלטן פון דער יאָגעניש. נאָך א טאָג אַר-בעט פיל איך, אז איך פאַל פשוט פון די פיס...

איציק דער ווייטער: איר דערציילט דאָס מיר? אָט הערט, וואָס עס האָט מיט מיר פּאסירט נעכטן? זיצנדיג אזוי פארטיפט ביי דער ארבעט, טראכט איך מיר: אָ, האָב איך דאָס היינט אריינ-

געמאַכליעט א טאָג אַרבעט. פון זינט איך אַרבעט ביי דער פּאַר־שאַלטענער שנײַדערײַ, האָב איך, דוכט זיך, נאָך אַזאַ שווערן טאָג אַרבעט ניט געמאַכט. נאָך דער אַרבעט גיי איך מיט אַן אויפגע־הויבענעם קאָפּ צום אַרויסגאַנג... איך פּיל זיך ווי א העלד, א שנעלער באַלמעלאָכע. אין קאָפּ קלאַפּט: אָ, האָב איך דאָס היינט אַריינגעכמאַליעט! האָט דאָס דער „אַלטער" באַמערקט. האָט ער מיך אַרײַנגערופן אין אָפּיס און ווייסט איר וואָס ער האָט מיר גע־זאָגט? „איציק, האָסט דאָך היינט כמעט גאָר ניט געאַרבעט!"

דזשעק: אַלץ אונזער שולד. אָט די שטענדיגע מורא, אין וועלכער מען האָט אונז דערצויגן. (ווענדעט זיך צו אַלעמען). וואָס איז דאָ מורא צו האָבן? איך פרעג אייך, קען נאָך זיין ערגער ווי עס איז? מיר אַרבעטן שווער און אונזערע פאַמיליעס שטאַרבן פון הונגער. פאַרוואָס־זשע נישט אַוועקוואַרפן די מורא און איין מאָל פאַר אַלע מאָל פאָדערן סיי אין דער יוניאָן און סיי אין שאָפּ, וואָס אונז קומט?

(עס הערט זיך א פייף פון טשערמאַן. די מיטאָג־שטונדע איז פאַר־איבער. די מאַשינען נעמען רוישן. יעדערער גייט צו צו זיין מאַשין, פאַרטיפט זיך אין דער אַרבעט).

מאַקס (דרייט זיך הין און צוריק איבערן שאָפּ. גיט אַלע ווײַלע אַ זייטיגן קוק אויף דזשעק'ן. כאַפּט אַ קוק אויפ'ן זייגער. ער הויבט פּלוצים אויף א ראָק. שפּאַרט זיך אָן אין טיש פון מיטן שאָפּ, באַטראַכט אים פון אַלע זייטן. מיטאַמאָל ווערט ער רויט און גיט א געשריי אויס): דזשעק, קום נאָר אַהער!

דזשעק (גייט צו און פרעגט פאַרוואונדערט): וואָס איז?

מאַקס (ווײַזט אויפ'ן ראָק): איז דאָס אַן אַרבעט? איך פרעג דיך, קען מען אַזאַ אַרבעט יוזן?...

דזשעק (באַטראַכט דעם ראָק און ענטפערט): איר ווייסט ניט, וואָס איר ווילט. מיר דאַכט, אַז מ'דאַרף נישט בעסער.

מאַקס (אין כעס): וואָס? דו וועסט מיר זאָגן, אַז ס'איז גאַנץ גוט? אויב דו קענסט ניט בעסער, קענסטו ביי מיר נישט אַרבעטן.

דזשעק (אויפגערעגט): עפּן נאָר נישט אַזאַ גרויס מויל. און ווי אַזוי צו מאַכן גוטע אַרבעט דאַרפסטו זיך ערשט גיין לערנען.

(ער כוקט שפּאָטיש אויפ'ן פאָרמאַן און לאָזט זיך צוריק צו דער מאַשין).

מאַקס (כאפט דעם ראַק, לויפט אין אָפיס אַריין. ס'באוויזט זיך דער באָס. מיט רוגזה אײלט ער זיך צו דזשעק'ן, מיט'ן ראַק אויף דער האנט).

דזשאָו : עי, דו לינקער, דאָס הייסט ביי דיר גוטע ארבעט? ווילסט מיך רואינירן, ווילסטו? ווער צאָלט רענט פאר'ן לאָפט? ווער איז דער באָס דאָ? דו צי איך? (מיט רציחה) ארויס פון מיין שאפ! דו באָלשעוויק! דו קענסט ביי מיר מער ניט ארבעטן! . . .

דזשעק (הייבט זיך פאמעלעך אויף, רוקט אַרונטער זיינע פארקאַ־טשעטע אַרבל. די איבעריגע אַרבעטער, באמערקנדיג דאָס, שטעלן זיך אלע ווי איינער אויף און נעמען זיך אַנטאָן. דער באָס דרייט זיך אום און דערזעט ווי אלע זיינען אויף די פיס. ווערט ער בלייך און נעמט שרייען און ציטערן פון אויפרעגונג).

דזשאָו : וואָס איז דאָ, וואָס? א סטרייק? וואָס האָט עס צו טאָן מיט אייך? פארוואָס ארבעט איר ניט?

איציק דער רויטער (קוקנדיג דעם באָס גלייך אין די אויגן אַריין, נעמט שרייען, ווי א פארווירטער) : איינער פאר אלע און אלע פאר איינעם. — ווייסט איר, וואָס דאָס מיינט?

דזשאָו (כאפט זיך אָן מיט ביידע הענט פאר'ן קאָפ) : באָלשעווי־קעם, וואָס איר זייט! גזלנים! זעצט זיך צוריק צו דער ארבעט! איך מוז פארטיג מאכן דעם אָרדער פאר מאָרגן פרי!

איציק (אויפ'ן קול) : פריער מוז דזשעק זיך צוריק זעצן צו דער ארבעט!

דזשאָו (אביסל שוין אונטערטעניג, צו דזשעקן) : נו, אָלראַיט, איז ניט געפידלט. פליז, דזשעק, זעץ זיך צוריק צו דער אַרבעט.

דזשעק (קלערט אַ ווײלע. פלוצים רופט ער הויך אוים צו די ארו־מיגע ארבעטער) : איר זעט ווי דאָס איז? ווען מען איז פאראייניגט בעט מען זיך שוין ביי אונז. איז ווי זאָגט איר? זעצן מיר זיך צו־ריק צו דער ארבעט? אָלראַיט, זאָל זיין צוריק צו דער אַרבעט.

(אלע זעצן זיך צוריק לאכנדיג . . . דער באָס גייט צו א פארכמו־רעטער צום פאָרמאַן : נו, מילא, איז דורכגעפאלן... (ער לאָזט זיך צו־ריק צום אָפיס).

(פאָרהאנג פאלט)